STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08533

SHOLEM ALEICHEM

Nachman Mayzel

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נחמן מייזיל

שלום עליכם

(צו זיין 80סטן געבורטסטאָג)

קאָאָפּעראַטיווער פאָלקס פאַרלאַג
פון
אינטערנאַציאָנאַלן ארבעטער אָרדן

ניו־יאָרק, 1939

Copyright by the

YIDDISH COOPERATIVE BOOK LEAGUE

of the Jewish Section, International Workers Order

80 Fifth Avenue, New York, N. Y.

February, 1939

490

געדרוקט אין 10,000 עקזעמפּלארן

אַ פּאָר ווערטער צום לייענער

שלום עליכמס 80סטער געבורטסטאָג, וואָס פאַלט אויס דעם 3טן מערץ (לויט דער אידישער ציילונג, כ״ו אדר, תרצ״ט), ווערט איצט גע־פייערט אין גאָר דער אידישער וועלט אויף אַ געהויבענעם אופן. באַזונ־דערס זיינען אָרגאַניזירט אויף אַ ברייטן און אמתן מלוכה־שטייגער די שלום עליכם־פייערונגען אין ראַטנפאַרבאַנד, וואו דער קולט און די ליבע פאַר שלום עליכמען און זיינע ווערק זיינען באַזונדערס גרויס.

אויך דאָ אין אַמעריקע הויבן זיך אָן גרויסע שלום־עליכם־פייערונגען, וואָס נעמען אָן אַן אמתן מאַסן־כאַראַקטער

אויב פייערן אַ שרייבער מיינט לייענען זיינע ווערק, אים ליב האָבן, פייערט מען שלום עליכמען שטענדיק און אָן אויפהער אין דער אידישער וועלט, ביי אַלע שיכטן פונם פאָלק. די לעצטע צוויי יאָר זיינען שלום עליכמס ווערק, אַ דאַנק דער „מאָרגן־פרייהייט", פאַרשפּרייט געוואָרן אין אַמעריקע אין איבער צוויי הונדערט טויזנט ביכער. די ווערק פון שלום עליכם זיינען אַזוי אַרום אַריינגעדרונגען אין טויזנטער אידישע פאָלקס־הייזער, וואו עס לעבט דאָס אידישע לשון, וואָס שלום עליכם האָט ליב געהאַט מיט לייב און לעבן.

מיר גיבן איצט אַרויס צו דעם יובילײ אַ ביכל איבער שלום עליכמען. אָבער דאָס ביכל וועגן שלום עליכם טאָר בשום אופן נישט פאַרבייטן שלום עליכמען אַליין. דאָס ביכל רופט די לייענער צו שלום עליכמס מייסטער־ווערק, צו זיין שאַפונג־וועלט. אויך וויל דאָס ביכל נישט אויסדערציילן שלום עליכמס לעבנס־געשיכטע. דאָס וועט דער לייענער געפינען אין שלום עליכמס פּראַכטפול ווערק „פונם יאַריד", דאָס בוך, וואו ס׳איז געגעבן אויף אַ גלענצנדן אופן זיין לעבנס־באַשרייבונג.

אין מיין ביכל, וואָס איך ברענג איצט פאַרן לייענער, האָב איך זיך באַמיט בלויז צו געבן אייניקע שטריכן פון דעם שלום עליכם פּאָרטרעט, אַרויספירן אייניקע מאָמענטן פון זיין קינסטלערישער געשטאַלט, פון זיין פּערזענלעכקייט.

און דאָס איבעריקע לייענט און לייענט אַרויס פון די שלום עליכם־ווערק.

נ. מ.

פעברואַר, 1939

שלום ראבינאָוויטש און שלום עליכם

עס איז איצט געוואָרן 80 יאָר זינט עס איז געבוירן געוואָרן אין פּערעיאסלאַוו, אוקראַינע, שלום ראבינאָוויטש. עס איז איצט איבער 55 יאָר זינט שלום ראבינאָוויטש האָט אָפּגעדרוקט אינם פּעטערבורגער „פאָלקס־בלאַט" זיין ערשטע דערציילונג אין אידיש, אונטערן נאָמען שלום עליכם. זינט 1883 איז שלום ראבינאָוויטש און שלום עליכם איינס. עס איז שווער דערגיין וואו ענדיקט זיך שלום ראבינאָוויטש און וואו הויבט זיך אָן שלום עליכם.

איצט, 55 יאָר נאָך דעם, ווי דער יונגער, 24 יאָריקער לובענער „קאַזיאָנע"־ראבינער שלום, אָדער ריכטיקער סאָלאמאָן נאַאומאָוויטש, ראבי־נאָוויטש האָט זיך אויסבאַהאַלטן מיט זיין אידישער דערציילונג אונטערן נאָמען שלום עליכם, איצט ווען דער נאָמען שלום עליכם איז אויסגעקריצט די לוחות פון דער מאָדערנער אידישער ליטעראַטור — איצט איז כדאי צו וויסן, וואָס אַזוינס האָט געבראַכט שלום ראבינאָוויטשן, וועלכער האָט שוין געהאַט געשריבן אונטער זיין ריכטיקן נאָמען העברעאישע מאמרים, צו פאַרהוילן זיין אמתן נאָמען. שלום עליכם אַליין, דער וואָס שטייט זינט זיינע ערשטע ליטעראַרישע שריט שטאָל און אייזן פאַר דעם אַמאָל־פאַר־שטויסענעם אידישן לשון, ער אַליין דערציילט אונז, וואָס עס האָט אים געפירט צו דעם נאָמען שלום עליכם.

אין זיינע קורצע אויטאָביאָגראַפישע פאַרצייכענישן, וואָס ער האָט גע־שריבן אין 1908, צו זיין 25 יאָריקן יובילײ (געשריבן אין רוסיש פאַר א רו־סישער צייטונג און איבערגעזעצט דורך י. ד. בערקאָוויטש אין „שלום־עליכם־בוך", ז' 4) דערציילט אונז שלום עליכם אָט וואָס: „אין יענער צייט, אין 1883, האָט דער רעדאַקטאָר פונם ,המליץ' אָנגעהויבן אַרויס־צוגעבן אויך א זשאַרגאָנישע צייטונג [דאַן האָט מען נאָך גערופן אידיש — „זשאַרגאָן" — נ. מ.] ,דאָס יידישע פאָלקסבלאַט'. דער ערשטער נומער וואָס איז אים אַריינגעפאַלן אין די הענט [שלום עליכם האָט אַלעמאָל גע־שריבן זיינע אויטאָביאָגראַפישע נאָטיצן אין דער דריטער פערזאָן, אַזוי איז אויך געשריבן זיין בוך „פונם יאַריד" — נ. מ.] האָט איבערראַשט

דעם שריפטשטעלער מיט דער איינפאַכקייט פון דעם איינפאַל. אַט — האָט ער אַ טראַכט געטאָן — דרוקט זיך אויף אַזאַ פּשוטער שפּראַך, וואָס איז צוגענגלעך פאַר אַלע אידן, אפילו פאַר ווייבער! פון דעמאָלט אָן האָט זיך צו אים פאַרגנבעט דער געדאַנק: צי שפּייזט נישט די העברעאישע שפּראַך מיט איר פיינער ‚מליצה׳ נאָר אַ קליינע צאָל אויסדערוויילטע, וואָס באַזיצן זי? דאָס איז איינס. און דאָס צווייטע איז, וואָס סיי ווי סיי, ווען דו שרייבסט העברעאיש, טראַכסטו דאָך אויף זשאַרגאָן — איז שוין נישט בעסער טאַקע גלייך אויפן אָרט צו שרייבן אידיש, דאָס הייסט, שרייבן אַזוי ווי דו טראַכסט? אָבער ווי אַזוי קאָן מען עס פועלן ביי זיך צו שרייבן אויף אַזאַ שפּראַך, אויף וועלכער „אַלע רעדן״, און דער עיקר — אויף וועלכער עס דרוקן זיך ‚תחינות פאַר ווייבער׳? וואָס וועט זאָגן דערויף דער טאַטע? . . . אַט דעמאָלט איז עס צוגעטראַכט געוואָרן דער פּסיידאָנים ‚שלום עליכם׳, אונטער וועלכן דער מחבר האָט זיך אויס־באַהאַלטן פון קרובים און באַקאַנטע, דערהויפּט נאָכדעם, ווען ער האָט דורך די אומשטענדן (זיין חתונה האָבן אויס ליבע מיט אַ רייכן מיידל) אַוועק־געלאָזט דאָס רבנות און איז אַריינגעפאַלן אין דעם סאַמע געדיכטן פון דער פּלוטאָקראַטיע, וואָס איז אַזוי באַריכות באַשריבן פון מנחם מענדלען אין זיינע אומצייליקע בריוו. אין דער דאָזיקער סביבה (אויף דער קיעווער בערזע) האָט זיך בכלל גערעכנט פאַר אַ חרפּה אָנצוקערן זיך מיט די, וואָס שרייבן, בפרט נאָך אויף זשאַרגאָן.״

און עס איז געשען אַ וואונדערבאַרע זאַך. שלום ראַבינאָוויטש איז איבערגעוואַנדלט געוואָרן אין שלום עליכם. שלום ראַבינאָוויטש האָט זיך אויפגעלייזט אין שלום עליכמען. און ביי היינטיקן טאָג, נאָך צענדליקער יאָרן, ווי דער נאָמען שלום עליכם איז אַזוי איינגעבאַקן אין די הערצער פון די אידישע פאָלקס־מאַסן, איז שווער גאָר אָפּצוטיילן און אויסצוטיילן באַזונדער דעם מענטש שלום ראַבינאָוויטש פון דעם שרייבער שלום עליכם. ער און זיינע ווערק זענען באַהעפט אויף שטענדיק, נישט צום אָפּטיילן. שלום ראַבינאָוויטש, זיין לעבן און זיין סביבה איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין די מייסטערישע צאַפּלדיקע שלום־עליכם־ווערק. מיט דער צייט האָט שלום עליכם געשאַפן וואונדערבאַרע געשטאַלטן — הונדערטער פאַר־שוינען, לעבעדיקע, באַוועגלעכע — און ער האָט אַריינגעבראַכט אין זיי זיין האַרץ, זיין נשמה, זיין כאַראַקטער, זיין ליב און לעבן.

אין איינעם פון זיינע בריוו, געשריבן אין די יאָרן, ווען ער איז נאָך

געוועזן אַ מעקלער אויף דער בערזע, זאָגט שלום עליכם צו זײַנעם אַ פרײַנד: „סאַלאָמאָן ראַבינאָוויטש איז פיר שעה אין טאָג אויף דער בערזע אַ מאַכער, אַ דרייער, אַ שטיקל טויז ב״ה. נאָר פון זייגער פינף בײַטאָג ביז דרײַ־פיר אין דער נאַכט בין איך שלום עליכם.״ אָבער זײַן באַקאַנטשאַפט, זײַן נאָענטקייט מיט דער בערזע, מיט די סוחרים, מיט די אַלע „דרייערס״ און „מאַכערס״ איז אים וואויל באַקומען. עס האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט אויפצונעמען זיי און זייער לעבן פון אינעווייניק, פאַרשטיין זיי דורך און דורך, כדי דערנאָך אַזוי וואונדערבאַר זיי צו מאָלן. שלום עליכם אַליין האָט אַדורכגעמאַכט די אַלע פלאָגן, אַליין אַדורכגעגאַנגען די אַלע שבעה מדורי גהינום פון דעם לעבנס־יאַריד און דערנאָך עס אַזוי אמתדיק און אויפריכטיק געשילדערט.

מיט דער צײַט האָט שלום עליכם אַלץ מער גובר געווען, באַזיגט אין זיך שלום ראַבינאָוויטשן. אָט שרײַבט י. ד. בערקאָוויטש, דער שטוב־מענטש, דער איידעם און קענער פון שלום עליכמען: „ער איז נישט געווען שלום עליכם אין דער ליטעראַטור און ראַבינאָוויטש אין דער היים. ער האָט בכלל דעם ראַבינאָוויטש אָפגעטשעפעט פון זיך, באַלד ווי ער האָט דערפילט אויף אַן אמת זײַן קינסטלערישע מיסיע. ער איז געווען אומעטום כולו שלום עליכם. אין דער היים אָבער איז ער געווען, אויב מען קען אַזוי זאָגן, נאָך מער שלום עליכמדיק ווי ער האָט אויסגעזען פאַר דער דרויסנדיקער וועלט . . . צי שטעקט ניט ווידעראַמאָל דער סוד אין דעם, וואָס בײַ שלום עליכמען האָט זיך זײַן פריוואַט לעבן מיט זײַן שאַפן צוזאַמענגעגאָסן אין איין איינהייט?״

און נאָך מער: פאַר שלום עליכמען אַליין איז מיט דער צײַט אויסגעוואקסן שלום עליכם דער שרײַבער, ער זעט אין אים אַ פאַרגאַנצטע געשטאַלט, ער זעט אים ווי אָפגעטיילט פון זיך און ער קוקט שוין אָפט אויף אים פון דער זײַט, ער רעדט וועגן אים ווי וועגן אַ צווייטן, אַ זײַטיקן.

עס שרײַבט שלום עליכם אין זײַן בוך „פונם יאַריד״ אין דעם ערשטן קאַפיטל אָט וואָס: „איך, שלום עליכם דער שרײַבער, וועל אײַך דערציילן די ריכטיקע ביאָגראַפיע פון שלום עליכם דעם מענטשן, אָן צערעמאָניעס, אָן באַפוצעכצן און צאַצקערייען, ווי עס וואָלט אײַך דערציילט, למשל, אַ זײַטיקער פאַרשוין, אַ ווילד פרעמדער, נאָר אַזעלכער, וואָס איז געווען מיט אים אומעטום . . .״

מיר דערמאָנען דאָ דעם לייענער דעם אָנהויב פונם צווייטן אַקט אין

,דאָס גרויסע געווינס". שימעלע סאראקער ווען ער ווערט אַן עושר, זיצט ביי זיך אין זאַל אויף אַ שטול, ער איז פאַרטאָן אין עפּעס אַ בוך, און עטי מעני, די פריש־געבאַקענע גבירינטע, זיצט אינם צווייטן שטול. פרעגט עטי מעני שימעלען וואָס ער טוט, ענטפערט שימעלע סאראקער: „איך לייען אַ געשיכטע, לייען איך." „וואָס פאַר אַ געשיכטע לייענסטו?" — פרעגט עטי מעני. און נאָך אַ לענגערן עכט־שלום־עליכמישן שמועס, אַן אייגנאַרטיקן ווערטער־געשפּיל צווישן דעם פּאָרפאָלק, דערקלערט שימעלע: „איך לייען אַ קריטיקע פון איינעם אַ ליץ, וואָס מאַכט חוזק פון דער גאַנצער וועלט. און הייסן הייסט ער שלום עליכם." ווערט עטי מעני אויפגעבראַכט: „עליכם שלום! . . . וואָס האָט ער צו דער וועלט?" ענטפערט איר שימעלע סאראקער מעשה־קענער: „צו דער וועלט האָט ער גאָרניט. נאָר ער באַשרייבט דאָ איינעם אַ שניידער, וואָס איז געווען אַמאָל אַ קבצן אין זיבן פּאָלעס און איז מיטאַמאָל אויסגעוואַקסן, געוואָרן אַ גביר." „זיין טאַטנס עסק!" — גיט אַ זאָג עטי מעני. און שימעלע זאָגט ווייטער: „לצעוועט ער פון אים אָפּ און פון זיין ווייב . . . אַ רעכטער ממזר! אַן אמתער ,עמך'; ער מאַכט פון זיי בײדן אויסצודרייען. נאָר פון איר, פון דער שניידערין, מאַכט ער אַ לעמעשקע — אַ רוח אין זיין טאַטן אַריין!" און עטי מעני גיט צו פון איר זייט צו שימעלעס קללה: „מאַכן זאָל זיך אים אַ מכה — טפו! איך וואָלט אַזאַ פּאַסקודסטווע אין די הענט ניט געהאַלטן!" . . . (ז' 180.)

און אויף וויפל שלום עליכם איז אויסגעוואַקסן ביי שלום עליכמען אין אַ געשטאַלט, אין אַ קינסטלערישער פּערזענלעכקייט, אין אַ באַגריף, זעען מיר אין אייניקע בריוו, וואָס שלום עליכם האָט געשריבן. אין אַ בריוו צום באַוואוסטן אידישן קריטיקער בעל מחשבות רעדט ש"ע וועגן זיך און ער זאָגט דאָרט צווישן אַנדערן: „מיר דאַכט, אַז יעדער שרייבער, ניט נאָר אַ שלום עליכם, נאָר אַ סך אַ גרעסערע קאַליקע, וויל געבן דאָס בעסטע וואָס ער פאַרמאָגט." און דערמאָנענדיק איינעם אַ באַוואוסטן שרייבער, וואָס האָט דאַן געהאַט אַ נישט־גוטע באַציאונג צו אים, צו שלום עליכמען, שרייבט ש"ע: „ער וואלט וועלן, אַז מיט שלום עליכמען זאָל שוין אויפהערן אַמאָל צו שלום עליכמען. שוטים! נאַראָנים! זיי ווייסן ניט, אָט די גוטע פריינט, אַז שלום עליכם האָט פאַרקאַטשעט די אַרבל און וויל ערשט אָנהויבן צו שלום עליכמען." (געשריבן אין יאָר 1912.)

און אויף וויפל זיין שרייבן איז געווען טיף איינגעבאַקן אין זיין

הארצן, אויף וויפל די געשטאַלטן זענען געווען אייגן און נאָענט אים, אויף וויפל זיי זענען געווען פלייש פון זיין פלייש און ביין פון זיין ביין, איז צו זען פון דעם, ווי אָפטמאָל רופט שלום עליכם זיך אָן מיט די נעמען פון זיינע הויפט־העלדן, דערהויפט מיט די נעמען מנחם מענדל און טביה. ווייזט אויס, אַז מנחם מענדל און טביה — אָט די צוויי קאָנטראַסטן — זיינען באמת זייטן פון שלום עליכמען אַליין, גרונט־עלעמענטן פון זיין כאַראַקטער, שטיקער פון זיין אייגענעם איך.

עס איז, ווייזט אויס, שלום עליכמען אָפטמאָל גרינגער געווען צו באַ־צייכענען באַשטימטע מאָמענטן אין זיין לעבן, כאַראַקטעריזירן אַן אייגענעם באַשטימטן געמיט־צושטאַנד מיט דער הילף פון זיינע פאַרשוינען מנחם מענדל און טביה. נישט איין מאָל פירט שלום עליכם בכיוון צונויף אָט די צוויי ווידעראַנאַנד־טיפּן, כדי אַזוי־אַרום שאַרפער צו זען יעדן איינעם באַזונדער מיט זיין אַרט פילן און אויפנעמען זאַכן. טביה באַשולדיקט אָפט מנחם מענדלען, אָבער ער באַדויערט אים אויך נישט זעלטן. טביה רופט אָן אַמאָל מנחם מענדלען: „אַ פליער, אַ ברענער, אַ לויפער, אַ דרייער, אַ נעבעכדיקער טאָג.” אַן אַנדערש מאָל רעדט ער וועגן אים מיט רירנדיקע ווערטער. עס איז קלאָר, אַז שלום עליכם האָט זיי ביידן געשעפּט פונם אייגענעם קוואַל, דאָס וואָכעדיקע און דאָס יום־טובדיקע, דעם הו־האַ און די גוטמוטיקייט, דעם צעטראָגענעם מנחם מענדל און דעם באַדן־פעסטן טביה. געווים האָבן אין שלום עליכמען גופא אָפט געקעמפט אָט די צוויי באַזונדערע ווידערשפּרעכנדיקע כחות.

אין אַ בריוו פון פּעטערבורג, פון 1904, וואוהין שלום עליכם איז גע־פאָרן צוליב פאַרשיידענע געשעפטן און געהאַט דאָרט אַ סך לויפעניש, שרייבט שלום עליכם צו זיין פריינט י. ח. ראַווניצקי וועגן זיך: „. . . פון דער שטאָט פּיטערבאַרג איז מנחם מענדל גאָר מטושטש. אַ שטעטל, ברענען זאָל דאָס אויפן פייער! אַי, מאָווערן! אַי, אַ טומל!”

אַן אַנדערש מאָל זעט זיך שלום עליכם מיטאַמאָל אין די ביידע גע־שטאַלטן צוזאַמען, אין מנחם מענדלען און אין טביהן. אָט שרייבט ער אין אַ בריוו צו איינעם יצחק יאַמפּאָלסקי קיין קאַנאַדע אין 1908: „...זאָגט אייך וואָס איר ווילט, קיין שונאים האָב איך ניט, ווייל איך בין קיינעם קיין שונא ניט. ווייל טביה איז אַ בעל בטחון און ווייל מנחם מענדל גלויבט דער גאַנצער וועלט.” (ש'ע־בוך ז' 227.)

ביז גאָר אינטערעסאַנט איז אַ גרעסערער בריוו, וואָס שלום עליכם

האָט געשריבן צו איינעם אַ איד אַ גביר, אַן אייגנטימער פון נאַפט־קוואַלן אין קאַווקאַז, שמואל שרירא. דאָ האָט שלום עליכם „באַפולמעכטיקט" מנחם מענדלען צו פירן די קאָרעספּאָנדענץ אין זיין נאָמען. מנחם מענדל פון יעהופּעץ שרייבט דעם בריוו, און ער דערמאָנט אינם בריוו שלום עליכמען און זייער פריינט טביה. עס איז אַ וואונדערבאַרער שלום־עליכם־שפּיל מיט אַלע חנען פון שלום עליכמס שפּרודלדיקער פעדער. עס שרייבט מנחם מענדל אָנשטאָט שלום עליכמען צווישן אַנדערן: „. . . אייער בריוו האָט שטאַרק אויסגענומען הן ביי מיר, הן ביי שלום עליכמען." ער באַרירט דאָרט שלום עליכמס מאַטעריעלע לאַגע. מנחם מענדל גיט צו: „. . . והשנית, ווייס איך, וויפל בלוט עס קאָסט אונדזער פריינט שלום עליכם, וואָס האָט געמוזט פאַר אַ נזיד עדשים [אַ טאָפּ לינזען — נ. מ.] פאַרקויפן זיינע בעסטע שרייבעכצן צו פאַרשיידענע פאַרלעגער." און מנחם מענדל בעט דעם איד צו ענטפערן אים תיכף אויף דעם אדרעס פון שלום עליכם (זע ש'ע־בוך ז' 294).

און כאָטש שלום עליכם האָט שטענדיק געלעבט אין אַ וועלט פון שאַפן, אין אַ וועלט פון ליטעראַרישע וויזיעס און פאַנטאַזיעס, איז ער אויף אַ ווייַלע נישט אָפּגעטראָטן פון דעם רעאַלן לעבן, פון דער אַרומיקער ווירקלעכקייט. ער האָט מיטגעלעבט מיט דער צייט, מיטגעליטן מיט די שלעק און פּרעניות פון דעם אַרום.

ער האָט גענומען שטיקער רוי לעבן און פאַרוועגדט זיי אין זיינע ווערק. ער האָט גענומען שטיקער „כראָניק", טרויעריקע פּאַסירונגען פון די צאַרישע צייטן און זיי פאַרוועבט אין זיינע מעשיות. אין זיינע מאָנאָלאָגן זיינען אַריינגעבראָכט צאַפּלדיקע געשיכטן. ער האָט אַריינגעצויגן אין זיינע מעשיות ווירקלעכע פּאַסירונגען. עס איז נישט געווען ביי אים קיין דיסטאַנץ צווישן לעבן און שאַפן. אָבער ער האָט דאָס טעגלעכע, דאָס צייטלעכע געקענט פאַראייביקן, צוגעבן זיי אַ דויערנדיקן באַטייט.

און נאָך זייער אַ מערקווירדיקע זאַך:

נישט געקוקט דערויף, וואָס שלום עליכם האָט געהאַט פאַר זיך דאָס רוב אַן אָרעם און טרויעריק לעבן, הערט אָבער נישט אויף צו שלאָגן פון אים, פון זיינע ווערק אַ קוואַל פון פרייד. אָט הויבט ער אָן אין זיין „פונם יאַריד" אַדורכצופירן זיין שטעטל וואָראָנקאַ־קאַסרילעווקע, ער שטעלט זיך אָפּ אויף פאַרשיידענע מעשיות, וואָס זיינען פאַרבונדן מיטן שטעטל, און ער כאַפּט זיך גלייך: „איך וויל נישט אַזוי ווייט גריבלען זיך, ווייל

איך האָב פיינט טרויעריקע מעשיות, זיי מעגן זיין אפילו פון פאַרצייטן." (ז׳ 21.) אַן אַנדערש מאָל זאָגט שלום עליכם וועגן זיך און זיין שרייבן: „פאַראַן מענטשן, וואָס האָבן ליב אָנצוקוקן יענעם בשעת אומגליק, אַריינקוקן יענעם גלייך אין פּנים אַריין דווקא בשעת ער וויינט, נאָכקוקן יענעם ווי אַזוי ער גייט נאָך דער לוויה, זיך צוקוקן ווי יענער ברעכט די הענט, שלאָגט זיך קאָפּ אין וואַנט וכדומה. איך האַלט נישט פון אַזוינע סצענעס. לאָז מען זאָגן וואָס מען וויל, איך האָב פיינט טרויעריקע בילדער. מיין מוזע טראָגט נישט קיין שוואַרצן שלייער אויפן פּנים; מיין מוזע איז אַן אָרעמע, נאָר אַ פריילעכע . . ."

און דאָס מערקווירדיקע איז, וואָס שלום עליכם האָט שטענדיק געזען דעם פאָלקס-מענטש, פאַרגלעט די קנייטשן אויף זיין פאַראומערט געזיכט און מיט פרייד אַרויסגערופן ביי אים אַ שמייכל, אַ געלעכטער.

שלום עליכם ברענגט שמחה, מונטערקייט, נחת-רוח מיט זיינע ווערק, און דערפאַר האָט אים דאָס פאָלק אַזוי ליב, אַזוי האַרציק ליב. און דערפאַר האָבן אים אַזוי ליב אויך קינדער. ער איז דאָך אויך דער באַליבטסטער שרייבער פאַר קינדער נישט נאָר מיט זיינע קינדער-מעשיות, מיט זיין וואונדערבאַרער גאַלעריע פון קינדער-געשטאַלטן, נאָר בכלל מיט אַלע זיינע געשיכטן, וואָס האָבן אין זיך אַזוי פיל באַהאַרציקייט, אַזוי פיל פּשטות, אַזוי פיל גוטמוטיקייט.

פון איינצלנע „זשאַרגאָן"־שרייבער — אַ אידישע ליטעראַטור

אין 1884, ווען שלום ראַבינאָוויטש איז קוים אַלט געווען 25 יאָר און געהאַט אָפּגעדרוקט בלויז עטלעכע שוואַכערע זאַכן אין דעם איינציקן דאַן אידישן „פאָלקסבלאַט", האָט ער געשיקט אַ בריוו צו מענדעלע מוכר ספרים קיין אדעס, אַ באַגריסונג צו מענדעלעס 25 יאָריקן ליטעראַרישן יובילײ. דער בריוו איז געשריבן געווען נישט אין אידיש, נאָר אין דער רוסישער שפּראַך. אויך די, וואָס האָבן שוין דאַן יאָ געפּועלט ביי זיך צו שרייבן מאַמע־לשון, האָבן עס געטאָן מיט פאַרשיידענע באַוואָרענישן און נישט מיטן גאַנצן האַרצן און נאָך נישט מיט דער פולער זיכערקייט און זעלבסט־פאַרשטענדלעכקייט. אין אָט דעם באַגרים־בריוו שטעלט זיך פאָר ש. ראַבינאָוויטש ווי „ אַ יונגער פייערדיקער פאַרערער" פון מענדעלעס טאַלאַנט, „אַ פאַרערער, וואָס אַרבעט אויפן באָדן, וואָס איז פון אים, פון מענדעלען, צעאַקערט געוואָרן, נאָכפאָלגנדיק איינגעשפּאַרט און פלייסיק די טריט, וואָס ער האָט אַזוי שאַרף איבערגעלאָזט אויף די פעלדער פון אונדזער זשאַרגאָנישער ליטעראַטור". און דער פּראָווינציעלער יונגערמאַן, דער 25 יאָריקער שלום ראַבינאָוויטש, זאָגט ווייטער: „אויב איך האָב ביז איצט, אין פאַרלויף פון מיין צוויי־יאָריקער ליטעראַרישער טעטיקייט . . . מיט מיינע אומבאַדייטנדיקע אַרבעטן נאָך גאָרנישט געגעבן — דערפאַר אָבער וואָס פאַר אַ צוקונפט עס שטייט־פאַר פאַר מיר, ווי פאַר אַן אָנפאַנגער, וואָס פאַר אַ ברייט פעלד פאַר יעדן איינעם, וואָס ווינטשט צו ווידמען זיין צייט דער עבודה אויפן מזבח פון אונדזער פאָלקס־מוזע." דער דאַן ווייניק־באַקאַנטער יונגערמאַן פאַרענטפערט זיך, פאַרוואָס ער רעדט אינם בריוו וועגן זיך, ווייל ער טוט עס נישט אין פערזענלעכע אינטערעסן, נאָר אין אינטערעסן, וואָס זיינען נוגע „אי דער אידישער מאַסע, וואָס פייערט דעם יובילײ, אי אונדזער אָרעמען פאַריאָגטן און דורכאויס־עקספּלואַטירטן זשאַרגאָן, אי מיך אַליין, אי אפילו אייך".

אָט דאָס ענגע צונויפבינדן די אידישע מאַסע, דעם אָרעמען „זשאַרגאָן" און זיך אין איין גאַנצעס איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר שלום עליכמען. דאָס איז געוואָרן דער שטענדיקער דעוויז און די ריכטליניע פון שלום עליכמען און זיין שאַפן אויף זיין גאַנצן לעבן.

שוין אין די ערשטע יאָרן פון זיין שרייבן האָט זיך שלום עליכם נישט באַנוגנט בלויז מיט דעם שרייבן, נאָר ער האָט אָנגעהויבן פילן די אחריות פאַר דעם אידישן וואָרט, פאַר דער אידישער קולטור, פאַר דער אידישער מאַסע. אין דער צייט, וואָס אין די קרייזן פון דער רוסיש־אידישער אינטע־ליגענץ, צווישן די העברעאישע שרייבער און אפילו צווישן די, וואָס האָבן שוין יאָ באַשלאָסן „אַראָפּצולאָזן זיך" צו דער אידישער שפּראַך, האָט גע־הערשט האָס, חוזק, ביטול צום מאַמע־לשון, אין אָט דער צייט איז דער יונגער שלום עליכם אַרויסגעטראָטן שאַרף קעגן אָט דער פיינטלעכער און גלייכגילטיקער באַציאונג און דערקלערט אַ פאַרביטערטן קאַמף די אַלע אָפענע און באַהאַלטענע שונאים. ער האָט אָפּגעשלאָגן די אנגריפן, אַליין אויפגעשטעלט פּאָזיציעס, אָנגעהויבן גרופּירן אַרום זיך די וויכטיקסטע רוסיש־אידישע, העברעאישע און „זשאַרגאָנישע" שרייבער פאַר אַן אייב־הייטלעכער גאַנצער אידישער פאָלקס־ליטעראַטור.

עס איז געווען אַ דרייסטער אַרויסרוף פון דעם יונגען 27 יאָריקן שלום עליכם צו דער אידישער וועלט צו אָרגאַניזירן אין יענער צייט, אין 1888, אַ גרויסן זאַמלבוך און סטימולירן אַלע אָנערקענטע שרייבער, פאַרביטערטע קעגנער פון דער אידישער שפּראַך, פאַר אַ „געמיינזאַמען קולטור־פּראָנט", ווי מיר זאָגן איצט, אויף אונדזער היינטיקער שפּראַך.

עס איז אינטערעסאַנט, ווי אייניקע באַוואוסטע העברעאישע און רוסיש־אידישע שרייבער, וואָס האָבן פאַרעפנטלעכט זאַכן ביי שלום עליכמען אין זיינע זאַמלביכער „די אידישע פאָלקס־ביבליאָטעק", אין די יאָרן 1888־1889, ווי זיי האָבן זיך באַצויגן צו אידיש. דער באַרימטער העברעאישער דיכטער י. ל. גאָרדאָן, וואָס האָט געגעבן שלום עליכמען אַ אידיש ליד „אַ ברכה" פאַר זיין זאַמלבוך און מיט אַ צוויי יאָר פריער האָט ער אפילו אַרויסגעגעבן אַ לידער־ביכל אין אידיש, „שיחת חולין", שרייבט אין דער זעלבער צייט אין אַ בריוו צו שלום עליכמען: „איר פרעגט מיין מיינונג וועגן דעם זשאַרגאָן? . . . ווען איך אייך אָפן זאָגן, אַז איך האָב תמיד געדעכנט דעם קיום פון דעם דאָזיקן דיאַלעקט אינם מויל פון אונדזער פאָלק פאַר דער סאַמע טרויעריקער דערשיינונג אין זיין היסטאָרישן לעבן. דאָס איז אַ שאַנד־צייכן פון דעם געטריבענעם נע־ונדניק, און איך האָב עס גערעכנט פאַר אַ חוב פון יעדן געבילדעטן אידן צו באַמיען זיך, אַז ער זאָל ביסלעכווייז אָפּגעווישט ווערן און פאַרשווינדן פון אונדז. אים קאָן מען דולדן ווי אַ נויטווענדיק שלעכטס, מיט אים מעג מען זיך באַנוצן ווי מיט

א מיטל דורכצופירן די בעסטע אידייען אין אונדזער פינצטערער מאַסע, נאָר בשום אופן נישט באַמיען זיך וועגן זיין באַפעסטיקונג און זיין אויפבלי־אונג." און ער, י. ל. גאָרדאָן, וואונדערט זיך שטאַרק אויף דעם יונגן שלום עליכם, „וואָס שרייבט גוט אויף רוסיש און באַהערשט פּראַכטפול העברע־איש", ווי אַזוי קען ער זיך אָפּגעבן צו קולטיווירן דעם „זשאַרגאָן".

א צווייטער העברעאישער שרייבער, דער פאָרשער פון דער אידישער ליטעראַטור, אלעזר שולמאַן, וואָס האָט אַליין פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל אין דער „אידישער פאָלקס־ביבליאָטעק" „צו דער געשיכטע פון דער זשאַר־גאָן ליטעראַטור", שרייבט אין דעם זאַמלבוך וועגן אידיש אָט־וואָס: „דער זשאַרגאָן איז אין אונדזערע אויגן נאָר א מיטל דאָס פאָלק צו בילדן, אָבער ניט קיין צוועק פאַר זיך אַליין . . . מען קאָן האָפן, ווען די גליקלעכע צייט וועט קומען, אַז מען וועט שוין דעם זשאַרגאָן מיט אַן אמת ניט באַדאַרפן, וועלן מיר אונדז געווים אַלע פרייען מיטן גאַנצן האַרצן." און דער אידיש־פאָרשער באַדויערט, וואָס „דאָס איז אָבער נאָך זייער לאַנג צו וואַרטן, און ווער ווייסט, ווער פון אונדז וועט עס נאָך אַמאָל דערלעבן?"

אין אַזאַ מין אַטמאָספער און ביי אַזאַ אַלגעמיין־אָנגענומענער פיינט־לעכער באַציאונג צו דער אידישער שפּראַך און צו איר ליטעראַטור האָט שלום עליכם אַרויסגעשטעלט פאַר אַלעמען די פאָדערונג פון אַ אידישער ליטעראַטור און געמאָנט רעכט פאַר אידיש. און עס איז וויכטיק, ווי איינער פון די אינטערעסאַנטסטע פערזענלעכקייטן אין יענער צייט, דער העברעאי־שער דיכטער, דער סימפּאַטיקער פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד, ד"ר יצחק קאַמינער האָט תופס געווען און אָפּגעשאַצט דעם באַ־טייט פון דער גרויסער אַרבעט, וואָס שלום עליכם האָט אויפגעטאָן דערמיט, וואָס ער האָט אויפגעזאַמלט אַרום זיך און זיינע אידישע זאַמלביכער די דעמאָלסטיקע באַוואוסטע וואָרט־זאָגער און וואָרט־פירער. אין זיין באַגרים־אַרטיקל, וואָס קומט צום אָנהויב פונם ערשטן באַנד די „אידישע פאָלקסביב־ליאָטעק" שרייבט ד"ר י. קאַמינער: „איך האָב דערזען ביי אייך ניט נאָר אַלע בעסטע זשאַרגאָניסטן, נאָר אויך פיל העברעער, פון אונדזערע בעסטע אידישע שרייבער אין דעם הייליקן לשון; אויך האָב איך געפונען דאָרט אַזעלכע וואָס האָבן זיך אויסגעפיינט מיט זייערע אידישע ווערק אין דער רוסישער שפּראַך — הכלל זיי זענען אַלע דאָ, אַלע אידישע כחות, די שענסטע פאַרטרעטער פון אונדזער ליטעראַטור און אַלע רעדן זיי מיט איין לשון, מיט דעם לשון, וואָס דאָס גאַנצע פאָלק רעדט."

שלום עליכם האָט גאַנץ באַוואוסטזיניק געטאָן זיין אַרבעט, ער האָט אַליין געשריבן זאַכן, וואָס זענען פון מאָל צו מאָל, פון יאָר צו יאָר אַלץ גאַנצער, מייסטערישער און פּאָלקומענער געוואָרן. גלייכצייטיק האָט ער באַקעמפט מיט גרויס ליידנשאַפט די שרייבער און רעדאַקטאָרן, וואָס האָבן געבראַכט שאָדן דער אידישער ליטעראַטור און אונטערגעגראָבן די חשיבות פון דעם אידישן וואָרט. ער דערקלערט אַן אומבּרחמנותדיקן קאַמף שמ"רן און זיינע ביכער, וואָס האָבן דאַן געוועלטיקט אין דער אידישער וועלט. ער גיט אַרויס אַ ביכל „שמ'רס משפט", וואו ער פאַראורטיילט אָט דעם מין שרייבן. ער שלאָגט אָפּ די אַלע אַטאַקעס, וואָס ווערן דאַן געמאַכט אין דער העברעאישער און רוסיש־אידישער פּרעסע און אפילו אין דער איינציקער אידישער אויסגאַבע אין רוסלאַנד קעגן דער אידישער שפּראַך. ער זוכט פאַרבינדעטע פאַר זיין קאַמף, ער נוצט אויס באַקאַנטשאַפט און גוטפריינטשאַפט, כדי אָפּצושלאָגן די אַלע אַנגריפן.

שלום עליכם ווייזט אַרויס געוואַלדיקע ענערגיע און גרויס באַגייסטע־רונג אין זיין ליטעראַרישער און אַרויסגעבערישער אַרבעט. כמעט איינער אַליין, אַרומגערינגלט מיט פיינט, טוט ער זיין אַרבעט, וואָס ברענגט וואונ־דערלעכע רעזולטאַטן. ער גיט אַרויס אויף זיין אייגענעם חשבון „די אידישע פאָלקס־ביבליאָטעק", צאָלט גרויסע, פאַר יענער צייט כמעט לעגענדאַרע האָנאָראַרן, ער פאַרעפנטלעכט אין די ערשטע צוויי בענד זיינע אמת־אידישע ראָמאַנען „סטעמפעניו" און „יאָסעלע סאָלאָוויי", ער שרייבט רעצענזיעס, קריטישע אָפּהאַנדלונגען וועגן ווערק, ער פאַרעפנטלעכט אַ ביבליאָגראַפיע פון אידישע ביכער, ברענגט אַן אייגענע אַרבעט „וועגן זשאַרגאָן־אויסלייג" — הכלל ער לייגט פונדאַמענטן פאַר דעם ווייטערדיקן וואוקס און אויפבוי פון דער אידישער ליטעראַטור.

און נישט בלויז אַ פונדאַמענט האָט ער געלייגט פאַר דער אידישער ליטעראַטור. שלום עליכם מיט זיינע ווערק איז געוואָרן איינער פון די וויכטיקע זיילן, אויף וועלכע עס איז מיט דער צייט אויפגעבויט געוואָרן דער גרויסאַרטיקער אידישער ליטעראַטור־בנין.

אויב פון געציילטע, צעטיילטע שרייבער אין „זשאַרגאָן" איז געוואָרן אַ גרויסע און שטאַרקע אידישע ליטעראַטור — האָט אין דעם גאָר אַ גרויסן חלק שלום עליכם, וואָס האָט זיך פון זיינע ערשטע ליטעראַרישע שריט געשטעלט אין דינסט פון דער אידישער מאַסן־ליטעראַטור און דער־הויבן זי דורך זיינע ווערק צו אַ נאַציאָנאַלער אידישער ליטעראַטור.

„געווען אַ איד אַ פשוטער"

„געווען אַ איד אַ פשוטער" — דאָס איז די ערשטע שורה פון דער אויפשריפט אויף זיין אייגענער מצבה, וואָס שלום עליכם האָט נאָך אין 1905, אין סאַמע ברען פון זיין שאַפן, אויפגעשריבן. אין אָט די ווערטער האָבן מיר די וואונדערבאַרסטע און אמתדיקסטע כאַראַקטעריסטיק פון דעם גאַנצן שלום עליכם — שלום עליכם דער מענטש און שלום עליכם דער שרייבער.

„געווען אַ איד אַ פשוטער", און זיין גאַנץ לעבן האָט ער, דוכט זיך, געשריבן אַזוי פשוט, אַזוי פּראָסט, אַזוי גוטברודעריש, אַזוי היימיש, אַזוי אידישלעך.

ווער עס קלעטערט אויף הויכע הויכן, ווער עס לאָזט זיך נידערן אין טיפע טיפענישן, אָבער שלום עליכם איז שטענדיק געגאַנגען מיט דעם ברייטן שליאַך, מיט זיין שרייבן זיך געלאָזט וואוילגיין מיטן געוויינלעכן גאַנג פון לעבן. ער האָט מיטגעמאַכט דאָס לעבן פונם פאָלקס־מענטש; אין זיינע ווערק האָט ער כסדר מיטגעלעבט מיטן מאַסן־מענטש, מיטגעלאַכט, מיט־געשטיפט, מיטגעטרויערט. ער האָט זיך קיינמאָל נישט פאַרקליבן מיט זיין שרייבן אין אָפּגעבאַזונדערטע אויבער־שטיבלעך, נאָר איז שטענדיק געווען אין סאַמע גערודער פונם קאָכעדיקן לעבן.

גלייך ווי ער איז געקומען צו דער אידישער ליטעראַטור, האָט ער פאַר זיין אידיש שרייבן אויסגעקליבן אַזאַ פשוטן, גוטברודערישן נאָמען ווי שלום עליכם, אַ נאָמען, וואָס מיט אים שליסט מען באַקאַנטשאַפט מיט יעדן זייטיקן און פרעמדן, דורך אים גיט מען דעם ערשטן וואַרעמען בליק אין יענעמס אויגן און מען טוט דעם ערשטן היימישן דרוק פון דעם צווייטנס האַנט. „שלום עליכם", „עליכם שלום", און עס פאַרקניפּט זיך גלייך אַ שמועס; אַ וואָרט אַהער און אַ וואָרט אַהין, און שוין, מ'איז פאַרטיק! און מער דאַרף נישט שלום עליכם; ווי נאָר יענער כאַפּט זיך אַרויס מיטן ערשטן וואָרט, האָט ער אים שוין גלייך געפּאַקט: יענער לאָזט זיך שוין גלייך אויף דער ווענטקע און ער וועט שוין אויסדערציילן פאַר שלום עליכמען אַלץ וואָס אויף דער לונג און וואָס אויף דער צונג.

אַ גאַנץ פאָלק איז געקומען דורך שלום עליכמען צום וואָרט. עס

האָט באַקומען לשון און נאָך וואָס פאַר אַ מין לשון, אַ לשון אויף רעדעלעך, אַ לשון — אַ מחיהדיקס! לייענען מיר שלום עליכמס מעשיות — אַלץ איינס וואָסערע — האָבן מיר דעם באַגריף, ווי דאָס פאָלק וואָלט געווען ביז אַהער פאַרשטויסן, אָפּגערוקט אָן אַ זייט, אין אַ ווינקל און געשעמט זיך אַרויסצורעדן אַ וואָרט. האָט ש"ע ווי פאַנאַדערגעבונדן די צונג, צוגע־שטעלט אויג און אויער פאַר זיינע רייד, און דאָס פאָלק האָט באַקומען קוראַזש, גענומען רעדן. און עס רעדן ביי אים, ביי שלום עליכמען, איד און אידענע, עס רעדט באַלעבאָס און באַלעגאָלע, עס רעדט מנחם מענדל, עס רעדט שיינע שיינדל, עס רעדט מאָטל פּייסי דעם חזנס, עס רעדט טביה, עס רעדן זיינע טעכטער, הכלל, עס רעדן אַלע, אַלע אָן אויסנאַם, זיי רעדן און רעדן און קאָנען זיך זאַט נישט אָנרעדן. מען רעדט ווידעראַמאָל און אבעראַמאָל, און אַז עס פעלט שוין אויס שטאָף פון אייגענע רייד, דער־ציילט מען איבער וואָס די מאַמע זאָגט, וואָס די שוויגער זאָגט, און וואָס סתם אידן זאָגן. און אַז עס איז אַלץ ווייניק — האַקט מען אַריין אַ פּסוק, אַ תורה, וואָס איז נישט געשטויגן נישט געפלויגן. און אַז די אַלע רייד זעטיקן נאָך אַלץ נישט, נעמט מען זיך גאָר צו שרייבן בריוולעך, וואו מען קען ווידער כאַפּן אַ וואָרט, עפּעס אַרויסזאָגן, עפּעס אויסדערציילן, עפּעס אָפּמאָלן.

און ווי זיינע מענטשן, אַזוי אויך שלום עליכם אַליין — אַ קוואַל, וואָס הערט גאָרנישט אויף צו שלאָגן. וויפל ער שרייבט נישט, אַלץ מער ווילט זיך אים שרייבן און שרייבן. ער ווערט גאָר נישט מיד און אויסגע־שעפּט. און ער איז גרייט צו שרייבן שטענדיק און ביי יעדער געלעגנהייט, און וויפל ער זאָל נישט שרייבן האַלט ער אַלץ פונפאָרנט. זאָגט טאַקע שלום עליכם וועגן זיך אין זיין אויטאָביאָגראַפיע, אַז „ער קאָן שרייבן צו יעדער צייט, אויף יעדן אָרט און ביי אַלערליי אומשטענדן: אין סאַ־לאָן, אין קיך, אין וואַגאָן, אין רעסטאָראַן, אפילו פאָרנדיק אויף אַן ,איז וואָשטשיק' און אפילו ליגנדיק אין בעט." „רבונו של עולם — רופט אויס שלום עליכם — אַזאַ מאַסע טעמעס און סיוזשעטן! וואָלט נאָר געווען פרייע צייט און וואָלטן נאָר מענטשן געלאָזט שרייבן."

אין אַן אַנדער אָרט, אין אַ בריוו צו ביאַליק און ראַווניצקי, דערציילט שלום עליכם, אַז ער האָט געקענט שרייבן „אפילו אויף אַ לאָקשן־ברעט אָדער אויף אַ טעצל פון אַ סאַמאָוואַר, אָדער אויף אַ דנאָ פון אַ פעסל, אָדער גאָר זיצנדיק אין טראַמוויי". „איר ווייסט דאָך — שרייבט ער אַן

אנדערש מאָל צו י. ח. ראַווניצקי — ווי אַזוי איך בין מסוגל צו שרייבן — אפילו אויף אַ שפּיץ פון אַ נאָדל און אויף אַ שאַרף פון אַ שווערד."

שלום עליכמס לעבן איז שלום עליכמס שרייבן, שלום עליכמס שאַפן. און שלום עליכמס שרייבן — דאָס מיינט שלום עליכמס לעבן, נישט צום אָפּטיילן.

„איך שרייב — זאָגט שלום עליכם אין איינעם אַ בריוו צו בעל־מחשבותן נאָך זיינער אַ שווערער קראַנק — אַ סימן, אַז איך לעב." לעבן איז שרייבן, שרייבן איז לעבן. דאָס איז דער שלום עליכם דעוויז, און פון אים איז ער נישט אָפּגעטראָטן אויף אַ ווײַלע נישט. „איך גיי מיטן גאַנג — שרייבט שלום עליכם — ווי מיין פריינט טביה: כל זמן שהנשמה בקרבי, דאַרף מען אַריינכאַפּן און שרייבן און שרייבן . . . " דאָס איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר שלום עליכמען: עס איז פאַר אים געווען אַ וועלט מיט פאַרשווינען, וואָס האָבן זיך געריסן צום וואָרט, זיך געבעטן אויפן פּאַפּיר. און וויפל שלום עליכם האָט נישט געשריבן, האָט ער געפילט, אַז עס איז ערשט אָן אָנהויב. אין 1903, אַ צוואַנציק יאָר נאָך דעם ווי ער האָט אַרויסגעגעבן פיל ווערק, שרייבט ער צו זיין נאָענטן פריינט מרדכי ספּעקטאָר: „איך פיל מיך עפּעס ווי ניי־געבוירן, מיט שפּאָגל־נייע כחות. במעט קאָן איך זאָגן, אַז איך הויב ערשט אָן שרייבן. ביז אַהער האָב איך מיך נאָר געמאַכט נאַריש, מעשה־קונדס. איך האָב נאָר מורא, טאָמער חלילה גייען אויס די יאָרן . . . איך בין איצט מעוברת מיט אַזוי פיל מחשבות און בילדער, אַז איך בין שטאַרקער פון אייזן, וואָס איך ווער נישט צעשפּרונגען . . . "

און אָט דער אינעווייניקסטער דראַנג האָט געהאַלטן שלום עליכמען אין אַ מאָדנער שפּאַנונג, אים געטראָגן אַלץ ווייטער און העכער. און עס איז אים אַ שאָד געווען די צייט, ווען ער האָט געמוזט זיך פאַרנעמען מיט אַנדערע זייטיקע זאַכן, וואָס האָבן אים אָוועקגעריסן פון שרייבן. שלום עליכם קלאָגט זיך טאַקע אין איינעם אַ בריוו, וואָס ער „דאַרף גאָר לויפן זוכן אַ קערבל". אָבער אין די סאַמע שווערסטע סיטואַציעס האָט ער פאַר־געזעצט זיין שאַפערישע טעטיקייט. שלום עליכם זאָגט עדות אויף זיך אַליין: „מען פרעגט מיך, די וואָס קענען מיך און זעען מיך אַלע טאָג: ווען שרייב איך? כ'לעבן, אַז איך ווייס אַליין נישט ווען. אָט אַזוי שרייב איך, גייענדיק, לויפנדיק, זיצנדיק ביי יענעם אין קאַבינעט, פאָרנדיק אין טראַמ־וויי. און פונקט בשעת מען דולט מיר אַ קאָפּ מיט אַ וואָלד, נישט־געהאַקטן

וואַלד, אַן אימעניע אַ טייערע, אַ זאַוואָדל, פּונקט דאַמאָלסט וואַקסן אויס די שענסטע בילדער, און עס לייגן זיך צונויף די בעסטע מחשבות, און מען קאָן זיך נישט אָפּרייסן אויף קיין איין מינוט, אויף קיין איין רגע דאָס אַלצדינג אַרויפצובריינגען אויף פּאַפּיר . . .״

עס איז געווען אַן אַנגענומענע מיינונג ביים עולם, ביי שרייבער, אַז שלום עליכם האָט געשריבן אַזוי זיך פון דער האַנט, ער האָט באַדאַרפט נישט מער ווי „אָפּדרייען דעם קראַן״ און עס האָט געשטראָמט מיט מענטשן, מיט סיטואַציעס, מיט עפּיזאָדן און סצענעס, און געפּלאָסן מיט שפּראַך־שפּע, מיט שפּראַך־עשירות. עס איז אָבער ניט ריכטיק. שלום עליכם האָט זייער שטאַרק מקפּיד געווען אויף זיין שפּראַך, אויף אַן אויסדרוק, אויף זיין סטיל. ער איז נישט מיד געוואָרן אויסצובעסערן און פאַרריכטן זיין מאַנוסקריפּט, און עס האָט אים נישט געלאָזט רוען אויך דאַן, ווען ער האָט שוין געהאַט אָפּגעשיקט די דערציילונג אין דער צייטונג צום דרוקן. אין די רעדאַקציעס פון די צייטונגען, וואו שלום עליכם האָט געאַרבעט, זיינען כסדר געלאָפן בריוו, קאַרטלעך, טעלעגראַמעס פון שלום עליכמען, וואָס האָבן נאָכגעיאָגט יעדן כתב־יד זיינעם, מיט בקשות אויסצובעסערן אַ וואָרט, אַן אויסדרוק. אָט שרייבט וועגן דעם י. ד. בערקאָוויטש: „ער פלעגט שרייבן זייער שנעל — זיין האַנט איז געלאָפן איבערן פּאַפּיר אַזוי לייכט ווי זיין געדאַנק. ער פלעגט אָבער דאָס אָנגעשריבענע נאָכדעם שטאַרק באַאַרבעטן, אויסמעקן שורות און אָנשרייבן פון אויבן אַנדערע, אַריינפלעכטן ווערטער, אויסרייסן אָנגעשריבענע בלעטלעך און צושרייבן נייע . . . ערשט נאָך דעם, אַז די זאַך איז שוין געווען אַוועקגעשיקט אין דער רעדאַקציע אַריין, פלעגט ש׳ע זיך נעמען זיפּן די קאָפּיע, וואָס ער האָט געהאַט איבערגעלאָזט פאַר זיך, אויסזוכן נייע סטיליסטישע אָדער וועזנטלעכע חסרונות און פאַרוואָרפן די רעדאַקציע מיט בריוו און טעלעגראַמעס וועגן תיקונים אין מאַנוסקריפּט, איידער עס גייט צום דרוק . . . די שפּראַך פלעגט ער לייטערן און איבערלייטערן אַ סך מאָל. ער האָט פאַרמאָגט אַ רייכן אוצר פון סטיליסטישע קאָמבינאַציעס און ער פלעגט זיי אַלע אויספּרואוון, ביז ער האָט געפונען די פּאַסיקסטע . . . ער האָט אַלע מעגלעכע ווערטער גלייך אַרויפגענומען אויפן פּאַפּיר, געוואָלט זיי אָנקוקן פריער, ווי זיי זעען אויס; די רעוויזיע פלעגט ער שוין מאַכן נאָכדעם. און אַמאָל האָט דורך דעם פּאַסירט, אַז צוזאַמען מיטן אויסדערוויילטן וואָרט זיינען שוין פאַרבליבן אויך עטלעכע פון די איבעריקע קאַנדידאַטן; עס האָט זיך נישט געהויבן

די האַנט אויסצומעקן זיי — צוליב זייער שפּראַכלעכן זכות.״ („ש׳ע־בוך״, ז׳ 322.)

עס וועלן נאָך קומען פילאָלאָגן, שפּראַכפאָרשער און אַרויסגעפינען און אַרויסאַנטפּלעקן, וואָס שלום עליכם האָט אַריינגעבראַכט אין דעם אידישן שפּראַך־אוצר.

דאָס שרייבן איז ביי שלום עליכמען געווען הייליקע אַרבעט, עבודה. ער האָט ליב געהאַט דאָס שרייבן און געלעבט מיט דעם, און אין דעם שרייבן האָט ער דערגרייכט העכערע עולמות. ער האָט נישט געוואָלט און נישט באַדאַרפט לכתחילה שטעלן פאַר זיך הויכע צילן. אין דעם שרייבן אַליין האָט ער געזען תכלית, צוועק. ווען ער האָט זיך באַהעפט מיט זיין מוזע, מיט זיין „פריילעכער מוזע״, ווי ער האָט אַליין אָנגערופן זיין שרייבן, זיינען געוואַקסן טיפּן, געשטאַלטן, וואונדערבאַרע רייד, גלענצנדע סצענעס. בעת דעם שרייבן זיינען אַרויסגעבראַכט געוואָרן צום לעבן זיינע פאַרשווינען, וועלכע האָבן געוויימלט אין זיין פאַנטאַזיע, וואָס איז געווען אַזוי ענג פאַרבונדן מיטן רעאַלן לעבן. אין די סאַמע געפערלעכסטע מאָמענטן פון זיין לעבן, אין דער צייט פון די שווערסטע פיזישע ווייטיקן, האָט ער זיך פאַרשיכורט מיטן שרייבן. אָט שרייבט ער אַ בריוו צו ש. ניגער פון דער שווייץ (אין 1913, וואוהין דאָקטוירים האָבן אים געשיקט זיך צו היילן פון זיין שווערער קרענק): „וואָס הייסט נישט שרייבן? ווי שטייט דאָס אויף אַ מענטש אינדערפרי, עסט און טרינקט, גייט אַרום און שרייבט ער נישט? ווי איז דאָס מעגלעך? קאָן דאָס אויסגעהאַלטן ווערן? קאָן מען אָט אַזוי לעבן? וואָס איז עס פאַר אַ גן עדן, אַז עס באַמבלען זיך אין קאָפּ טויזנטערליי פּלענער, סיוזשעטן, טיפּן און בילדער, וואָס בעטן זיך, שוין לאַנג צייט זיך נעמען צו זיי, און דו זיץ און עס און טרינק און שלאָף און טו גאַרנישט. מילא, עסן און טרינקען — מהיכי תיתי. אָבער שלאָפן — ווער קאָן עס שלאָפן? אַז אַ גאַנצע נאַכט פּלאָנטערן זיך חלומות, משוגענע פּלענער, מען וועקט אייך און מען טאַרעט אייך . . .״

און אויך אין די לעצטע חדשים פון זיין לעבן, ווען ער איז שוין געלעגן אויפן טויטן בעט און געזען דעם מלאך המות פאַר די אויגן, האָט ער נישט אויפגעהערט צו לעבן מיטן חיות פון שרייבן. ער פאַרמעסט זיך דאָן מיט פרישע כחות אויף אַ גראַנדיעזן ווערק, וואָס האָט באַדאַרפט אַרומנעמען זיין גאַנץ לעבן, פון אָנהויב ביזן סוף. און ווידער האָט שלום עליכם דאָס געפיל, ווי ער האָט ביי „בראשית״, ביים אָנהויב. און עטלעכע וואָכן

פארן טויט, שרייבט שלום עליכם אין די „פאר ווערטער" צום בוך „פונם יאריד", אז „דער וועג איז נאך גענוג גרויס. די עפאכע הויבט ערשט אן צו צעוואקסן זיך, די בילדער הויבן ערשט אן צו וועבן זיך, די געשעענישן הויבן ערשט אן צו אנטוויקלען זיך, און געשטאלטן פון מענטשן לאנג־פארשוואונדענע, און טיפן פון פארשווינען נאך לעבעדיקע און גאנץ בכבודיקע בעטן זיך אויפן פאפיר . . . לאמיר האפן, אז מיר וועלן דער־פירן אונדזער ארבעט ביז צו א מעגלעכן סוף."

און ער בעט זיך, שלום עליכם: „און דער, וואס גיט כח דעם מענטשן, ער זאל געדענקען אלצדינג, וואס מיט אים האט פאסירט אין זיין לעבן, זאל מיר ביישטיין, אז איך זאל נישט דורכלאזן חלילה קיין זאך, וואס מיר האט געטראפן און וואס קאן האבן אן אינטערעס, און קיין פארשוין, וואס איך האב וועץ באגעגנט אויף דעם גרויסן יאריד, וואס איך האב דורכגעמאכט אין די פופציק יאר פון מיין לעבן."

אבער „דאס ווערק פון זיינע ווערק", זיין לעצט בוך „פונם יאריד" איז נישט פארענדיקט געווארן, עס איז איבערגעהאקט געווארן אינמיטן פונקט ווי שלום עליכם אליין איז אוועקגעריסן געווארן אין סאמע מיטן, אדער ווי ער אליין האט אלעמאל געפילט און געהאלטן, אין סאמע אנהויב פון זיין לעבן־שרייבן, פון זיין שרייבן־לעבן.

און דאס סאמע־וויכטיקסטע און ריכטיקסטע ווארט, וואס מען קען זאגן וועגן שלום עליכם און זיין שרייבן איז:

ער האט פארמאגט די וואונדערבארסטע פשטות, פאלקס־חן, עכטע פאלקסטימלעכקייט. און דערפאר זיינען אזוי עכט און אזוי נאטירלעך די ווערטער, וואס ער האט אנגעשריבן אין זיין צוואה עטלעכע חדשים פאר זיין טויט: „וואו איך זאל נישט שטארבן, זאל מען מיך באהאלטן נישט צווישן אריסטאקראטן, מיוחסים אדער גבירים, נאר גראד צווישן פראסטע אידן, ארבעטער, מיטן אמתן פאלק. אזוי אז די מצבה, וואס מען וועט דערנאך אוועקשטעלן אויף מיין קבר, זאל באשיינען די איינפאכע קברים ארום מיר, און די איינפאכע קברים זאלן באפוצן מיין מצבה, אזוי ווי דאס פראסטע ערלעכע פאלק האט באשיינט זייער פאלקס־שרייבער."

אט די וואונדערבארע פארבינדונג צווישן פאלק און שרייבער, צווישן פראסטן ערלעכן פאלק און שלום עליכם — דאס איז דאס סאמע עיקר־דיקסטע אין שלום עליכמס ווערק, אין זיין גאנצן שאפן. דאס איז די

גרעסטע מעלה פון דעם גרויסן שרייבער שלום עליכם, וואָס איז געקומען פון פאָלק און איז פארבליבן איינגעבאקן אין די הערצער פון דעם פאָלק.

קיין שום אנדערער שרייבער האָט נישט פארמאָגט אָט די וואונדער־איינגעשאפט פון א אמתן פאָלקס־שרייבער, און קיין שום אנדערער שרייבער רעדט נישט אזוי אייגן און פשוט און אזוי הארציק צום פאָלק ווי שלום עליכם.

זיינע ווערק, וואָס ער האָט געשאפן מיט א פופציק, פערציק, דרייסיק יאָר צוריק זיינען ביז איצט לעבעדיק און פריש און צאפלדיק, ווייל זיי זיינען שטיקער פון פאָלקס־לעבן.

„אַ מאָדנע־גרויסע און צעהיצטע פֿאַנטאַזיע"

עס וואָלט געווען פֿאַלש צו מיינען, אַז שלום עליכם איז געווען בלויז באָאָבאַכטער און שילדערער פֿון דער רעאַלער ווירקלעכקייט. ער האָט זייער אָפֿט געקענט זיך דערהויבן איבער דער שווערער וואָר און אַרויסבליקן אין אויסגעטרוימטע פֿאַנטאַסטישע וועלטן. נישט אין אָפּמאָלן דאָס לעבן ווי עס שטייט און גייט איז אים געגאַנגען. זיינע מענטשן רייסן זיך פֿון דער ביטערער נויט, זיי פֿאַנטאַזירן און טרוימען וועגן אַ שענערער וועלט. זיין מענטש איז קיינמאָל נישט דערשלאָגן, ער פֿאַרמאָגט פֿרייד, לוסט, ער רייסט זיך צו עפּעס שענערס און בעסערס. „מיין מוזע איז אַן אָרעמע און פֿריילעכע" האָט אַמאָל ש"ע געזאָגט וועגן זיין שרייבן, אויך זיינע געשטאַלטן זענען אָרעמע, אָבער פֿריילעכע, לוסטיקע. און ווען דאָס אַרומיקע לעבן איז ביטער, קאָן דער שלום עליכם טיפּ זיך אַריבערטראָגן אין אַ וועלט אַ העכערער, אין אַ וועלט אַן אויסגעדאַכטער.

אין די קורצע שטריכן „צו זיין ביאָגראַפֿיע", וואָס שלום עליכם האָט געשריבן אין יאָר 1904 פֿאַר י. ח. ראַווניצקי, זאָגט שלום עליכם אָט די טרעפֿלעכע ווערטער וועגן זיך: „די פֿאַנטאַזיע איז ביי מיר געווען פֿון קינדוואייז אָן מאָדנע גרויס און צעהיצט. הייזער האָבן ביי מיר אויסגעזען ווי שטעט, הויפֿן — מדינות,ביימער — מענטשן, מיידלעך — בת־מלכהס, רייכע יונגע לייט — פּרינצן, גראָז — חייל, שטעבלקעס און קראַפּעווע — פּלשתים, אדום און מואב, און איך פֿלעג גיין אויף זיי מיט מלחמה." (זע „גרינס אויף שבועות".)

אָט די „מאָדנע גרויסע און צעהיצטע פֿאַנטאַזיע" איז געווען אַ גרינט־לעכער עלעמענט אין שלום עליכמס אין אַלגעמיין רעאַליסטיש שאַפֿן. עס איז געווען די טרייב־קראַפֿט פֿון זיין שפּרודלדיקן טאַלאַנט, דער לעבנס־יסוד און דער לעבנס־סוד פֿון זיינע צאַפּלדיקע פּאַרשוינען — אַלט און יונג, מאַן און פֿרוי, אָרעם און רייך. ווען מיר קוקן זיך צו צו די שלום עליכמישע טיפּן, שפּירן מיר, ווי זיי וואָלטן אַלע געטריבן געווען פֿון דער־אַ „מאָדנע־גרויסער און צעהיצטער פֿאַנטאַזיע". און נישט נאָר דער פּלי־קאָפּ, דער דרייער, דער פֿאַנטאַסט, דער לופֿט־מענטש מנחם מענדל שוועבט אָפֿט איבער דער ערד, נישט נאָר ביי אים ברענט די ערד אונטער די פֿיס. אויך

די אַלע אַנדערע שלום-עליכמשע געשטאַלטן, און אפילו דער האַרט-ביי-דער־ערדיקער טביה, דער האַרציקער, שטענדיק-קינדישער מאָטל פּייסי דעם חזנס און די אַלע פון דער רייכער שלום-עליכם-געשטאַלטן-גאַלעריע, אַלע, אַלע ווערן זיי געטראָגן אויף פליגלען פון רייכער פאַנטאַזיע איבער דעם גרויען טרויעריקן אידישן לעבן.

איז דען נישט כאַראַקטעריסטיש פאַר שלום עליכמען איינע פון זיינע וואונדערלעכסטע מעשיות וועגן דעם „פּאַרכישופטן שניידערל" (געשריבן אין יאָר 1900)? מיט וואָס פאַר אַ ליבע און באַגייסטערונג שלום עליכם שילדערט עם דעם נאַאיוון, תמימותדיקן און גלויביקן שמעון אלי שמע קולנו! און די ציג — אין וואָס פאַר אַ פאַנטאַסטיש געשטאַלט וואַקסט זי אויס אונטער שלום עליכמס פעדער? „שמעון אלי — דערציילט שלום עליכם — פועלט ביי זיך, אַז די דאָזיקע ציג, וואָס ער פירט זיך מיט איר אַרום, איז נישט קיין ציג, נאָר אַ גלגול, אָדער אַ לץ, וואָס אַט באַלד שטעלט ער אים אַרויס אַ צונג אויף צען אַרשין, אָדער ער טוט אַ פאַטש מיט די פליגל און טוט אַ געשריי איבער דער גאַנצער שטאָט: ‚קוראַריקו!' . . . און מעשה־שטן קומען אים אַנטקעגן דווקא אַלערליי מוראַדיקע בילדער פון באַקאַנטע, וואָס זיינען שוין לאַנג אויף דער אמתער וועלט . . . און ער דערמאָנט זיך אָן אַ סך שרעקלעכע מעשיות, וואָס ער האָט זיך אָנגעהערט אויף זיין לעבן." און אַז שמעון אלי קומט צו האָדל די אַקציזניטשקע און בעט זיך ביי איר אָן עצה: „וואָס טוט מען?", הויבט אָן האָדל צו דער־ציילן אַ מעשה מיט אַ קניילעכן באָוול, וואָס איר מומע פערל האָט גע־וואָלט אויפהויבן אין מאַרק, „און דאָס קניילעכן באָוול האָט זיך גע־קאַטשעט און געשפּרונגען און אַלץ גענאַרט און פאַרנאַרט די מומע פערל, און זי איז געפאַלן חלשות און אָפּגעקרענקט אַ יאָר כסדר". און נאָך מעשיות מיט מעשיות פלאָנטערן זיך אַרום דער אויסטערלישער מעשה מיט דער ציג. „אַ סך מענטשן — זאָגט שלום עליכם — האָבן זיך אָפּגעשטעלט, באַטראַכט די ציג גאַנץ ערנסט, איבערגעפרעגט די מעשה נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל און שטאַרק געחידושט זיך . . . אַנדערע האָבן געלאַכט, גע־מאַכט חוזק און געזאָגט ווערטלעך, און אַנדערע האָבן געשאָקלט מיטן קאָפּ, אויסגעשפּיגן און אַ זאָג געטאָן: אַ שיינע ציג! ס'איז אַזוי אַ ציג, ווי איך בין אַ רביצין. — וואָס דען איז דאָס? אַ גלגול! איר זעט נישט, אַז ס'איז אַ גלגול?"

און שלום עליכם פאַרשטייט גוט, פון וואַנעט עס נעמט זיך אַזאַ צע־

היצטע פאַנטאַזיע. אַז דאָס אַרומיקע לעבן איז אַזוי שווער און אַזוי גרוי, מוז די פאַנטאַזיע אויסחלומען אַן אַנדערע וועלט, מעג די וועלט זיין נישט רעאַל, נישט ממשותדיק. און עס קומט אויס, ווי שלום עליכם העלפט מיט זיינע פאַרשווינען זיך אַריבערצוטראָגן אין אַן אַנדער ניט־דאַאיקער וועלט, וואָס איז אַ היילונג, אַ תרופה פאַר די דערשלאָגענע, פאַרשטויסענע.

און דאָס פילן מיר נאָך שטאַרקער און בולטער אין דער קאָמעדיע „די גאָלדגרעבער". אַ גאַנץ שטעטל (איז עס נישט אַ שטיק אַמאָליקע אידישע וועלט?) ווערט פאַרכאַפּט פון עפּעס אַ וואָרט וועגן רענדלעך. פון דעם־אַ איין וואָרט, וואָס פאַלט ערגעץ־וואו וואַקסט אויס אַ גאַנצע לעגענדע, וואָס שטעלט דאָס גאַנצע שטעטל אויף די פיס. עס הויבט זיך אָן אַ געלאַף, אַ גערודער, אַ געטומל. דאָס שטעטל גייט כּאַדאַראָם, אַלע ווערן מיטגעריסן, די פאַנטאַזיע טרייבט אַלעמען, און פון עפּעס אַ רענדל וואַקסן אויס גאַנצע פּעסלעך גאָלד, וואָס זיינען פאַרגראָבן אויפן בית־עלמין. מען פאַרגעסט אָן די טאָג־זאָרגן, אָן דער נויט און פּלאָגן און מען לאָזט זיך זוכן די נישט־געשטויגענע נישט־געפלויגענע רענדלעך. און נישט נאָר דאָס שטעטל לאָזט זיך שוועבן אויף די פאַנטאַסטישע פליגלען, אויך שלום עליכם ווערט מיט־געריסן מיטן אַלגעמיינעם דראַנג. שלום עליכם לעבט שטענדיק אויף אין אַזאַ מין געשפּאַנטקייט, ער איז איינער פון אַלע, און זיין צאַפּלדיקע שפּראַך און זיין שרייבערישער אימפּעט העלפן אים צו, צו פאַרשיכורן זיך מיט דער אַלגעמיינער שיכרות.

אַ פאַנטאַסטישע געשיכטע איז אויך דאָס „פּאָלקס־שפּיל", ווי שלום עליכם רופט אָן זיין „דאָס גרויסע געווינס" (אָנגעשריבן אין יאָר 1915, אינם יאָר, ווען ער איז געשטאָרבן). עס איז געבויט אויף אַ פאַנטאַסטי־שער מעשה מיט אַ גרויסן געווינס. עס איז אַ מין חלום אין דער וואָר, וואָס פאַרכאַפּט שימעלע סאַראַקער. אין דעם ערשטן אַקט קומט דער „שניידער בן שניידער" אַרויס מיט אַ מעלדונג: „איר זאָלט וויסן, וואָס פאַר אַ חלום מיר האָט זיך היינטיקע וואָך געחלומט, איך הויב אויף די אויגן און טו אַ קוק, גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין, דערזע איך אַ בוים אינמיטן שטוב . . . און אויפן בוים וואַקסן רענדלעך, גאָלדענע רענד־לעך." שימעלע גוויקט זיך אין אַן אויסטערלישער, אויסערגעוויינלעכער איבערוואַנדלונג, אַנדערש קען ער נישט אַרויס פון זיין קלעם. די מעשה גופא מיטן גרויסן געווינס, דאָס געלט, וואָס ער באַקומט, איז סוף כל סוף נישט מער ווי אַ ביי־זאַך, אַ טפל ביי אָט דעם פאַנטאַסט, ביים גרויסן קינד

שימלע סאַראַקטער. דער עיקר איז דער טרוים, די נישט־רעאַלע געשיכטע און די צוריק־איבערוואַנדלונג פון דעם גביר אין דעם פשוטן „עמך"־מענטש.

אַ שליסל צו אַט דעם פאַנטאַסטישן עלעמענט אין זיין כאַראַקטער און אין זיין שאַפן גיט אונדז שלום עליכם גופא אין זיין אויטאָביאָגראַפיש ווערק, אינם „פונם יאריד". מיט וואָס פאַר אַ ליבע און באַגייסטערונג ער דערציילט אונדז אין פיר פראַכטפולע קאַפּיטלען וועגן זיין יוגנט־חבר שמואליק דער יתום. מיר שיקן בעסער אָפּ דעם לייענער צום בוך. מיר ווילן בלויז ברענגען אַ פּאָר אויסצוגן, וואָס ווייזן, וואָס פאַר אַ גרויסע השפעה אַט דאָס אויסטערלישע אינגל האָט געהאַט אויפן יונגן, עמפּפינד־לעכן שלום עליכם (שלום נחום וועוויקס — דער אייגנטלעכער נאָמען פון שלום עליכם). שלום עליכם גיט איבער, ווי ער „האָט זיך צוגעקלעפּט צו אים (צו שמואליקן) פון דער ערשטער מינוט, וואָס זיי האָבן זיך באַקענט" און „געוואָרן חבר — אָבער וואָס חבר הייסט! נפש אחת — איין לייב, איין נשמה! פאַר וואָס? איבער זיינע מעשיות." „קיינער — זאָגט שלום עליכם — האָט נישט געהאַט אַזוי פיל מעשיות אויף צו דערציילן וויפל שמואליק." און שלום עליכם מאָלט וואונדערלעך ווי אַט דער שמואליק דערציילט איין מעשה שענער פון דער אַנדערער, און ער, דער יונגער שלום, זיצט און שלינגט יעדעס וואָרט. ער „האָט געהאַלטן אָפן מויל און אויערן, קיין אויג ניט אַראָפּגעלאָזט פונם דאָזיקן טשיקאַוון בחורל מיט די רויטע בעקלעך און מיט די פאַרחלומטע נאַסלעכע אויגן." „און האָט שמואליק אָנגעהויבן צו רעדן וועגן אוצר, אַזוי האָבן די פאַר־חלומטע אויגן ביי אים זיך אָנגעצונדן, די רויטע בעקלעך צעפלאַמט, און אליין האָט ער זיך אַזוי צעהיצט און צעברענט און צעפלאַקערט, אַז ער האָט אויך דעם חבר זיינעם אָנגעוואַרעמט, צעהיצט, צעברענט און צע־פלאַקערט."

און שלום עליכם פרעגט זיך אליין: „צי האָט אַט דער אָרעמער יתום מיט זיינע וואונדערלעכע מעשיות זיך ווען אָפּגערופן נאָכדעם אין די שרייבעכצן פון זיין חבר שלום, בעת שלום נחום וועוויקס איז געוואָרן אַ 'שלום עליכם' — דאָס איז שווער צו זאָגן. איין זאַך איז געוויס: זיין פאַנטאַזיע האָט ער געמאַכט רייכער, זיין השגה ברייטער, און שמואליקס טרוימען וועגן אוצרות, וואונדערשטיינער און נאָך אַזעלכע גוטע זאַכן טראָגט ער ביי זיך טיף אין האַרצן נאָך עד היום. אפשר אין אַן אַנדער

פאָרם, אפשר אין אַנדערע געשטאַלטן — נאָר ער טראָגט זיי, ער טראָגט זיי ביז צו היינטיקן טאָג.״

און אָט זיינען נאָך עטלעכע שורות וועגן דעם, ווי שלום עליכם האָט אויפגענומען אין זיך נאָך אין די סאַמע יוגנט־יאָרן פאַנטאַסטישע געשיכטן. „די שיינע, וואונדערלעכע מעשיות פון שמואליק דעם יתום — שרייבט שלום עליכם — האָבן זיין יונגן חבר אינגאַנצן פאַרכישופט און געבראַכט דערצו, אַז די פּרינצן מיט די פּרינצעסינס זיינען אים געגאַנגען צו חלום, געוועקט, געשלעפּט ביי די אָרבל: ‚שטיי אויף, שלום, טו דיך אָן און קום מיט אונדז!׳ און נישט נאָר אין חלום — אויך אויף דער וואָר האָט ער זיך געפונען כמעט שטענדיק צווישן פּרינצן און פּרינצעסינס, ערגעץ אין אַ קרישטאַלענעם פּאַלאַץ, אָדער אויפן פאַרגליווערטן ים, אָדער אויף אַ וויספּע, וואו עס געוועלטיקן ווילדע מענטשן, אָדער גאָר אין גן עדן התחתון, וואו עס געפינען זיך צוועלף ברונעמס מיט קוועקזילבער און דרייצן גערטנער פון זאַפּראַן און גאָלד און זילבער וואַלגערט זיך, אַזוי ווי מיסט; אָדער ער הויבט זיך אויף מיטן שטיינדעלע ‚ישפה׳ גאָר אין דער הויך, אויף יענער זייט כמארעס . . . עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער האָט אָנגעהויבן אָנרופן די אַלע זאַכן ביים נאָמען און זעען זיך מיט זיי אויף יעדן טריט און שריט.״

שלום עליכם האָט טאַקע אַזוי וואונדערלעך דערציילט מעשיות מיט געשיכטן, וואָס האָבן דערנאָך דעם לייענער „אַזוי צעהיצט און צעברענט און צעפלאַקערט״, ווי אַמאָל שמואליק דער יתום האָט אים, דעם יונגן שלום עליכם, צעוואַרעמט און צעפלאַקערט . . .

שלום עליכם דער דראַמאַטורג

שלום עליכם דער שרייבער האָט געהאַט אַ באַזונדערן מזל ביים אידישן עולם, ער איז זייער גיך באַליבט געוואָרן ביי אַלע שיכטן פון אידישן פאָלק. ער איז געוואָרן דער אַממערסטן געלייענטער און פּאָפּולערער שרייבער ביי אידן. שלום עליכם איז אַריינגעדרונגען אין אַלע הייזער, געוואָרן אַ היימי־שער און שטענדיק־אַנגעלייגטער גאַסט אויף אַלע שמחות, צונויפקומעניש. מיט אַ „שטיקעלע" שלום־עליכם האָט מען מכבד געווען די געסט, מיט שלום עליכמען האָט מען משמח געווען דעם עולם סיי דעם פּראָסטן און סיי דעם אויפגעקלערטן.

און ווי דאָס מזל האָט געשפּילט שלום־עליכמען דעם מעשה־שרייבער, אַזוי שלים־שלימזל איז געגאַנגען שלום עליכמען דעם דראַמאַטורג. וויפל שלום עליכם האָט נישט באַמיט זיך צו דערגרייכן צו דער אידישער בינע, האָט עס אים נישט געראָטן. אין אידיש טעאַטער איז אים שטענדיק גע־גאַנגען „מיט דער פּוטער אַראָפּ".

און שלום עליכם האָט דאָך פאַרמאָגט אין זיינע ווערק פיל דראַמאַ־טורגישעס. זיינע טיפּן און פּאַרשוינען צאַפּלען זיך און באַוועגן זיך און זיי בעטן זיך ממש סצעניש פאַרגעשטאַלטיקט צו ווערן דורך שוישפּילער. שלום עליכם האָט עס גוט געפילט און אין די סאַמע ערשטע יאָרן פון זיין שאַפן האָט ער גענומען צו שרייבן מאָנאָלאָגן — די פאָרם, דורך וועלכער דער מענטש רעדט און חלשט זיך אויסרעדן. נאָך אין 1887, דאָס מיינט מיט איבער 50 יאָר צוריק, האָט שלום עליכם אָנגעשריבן אַן איינאַקטער „אַ חתן אַ דאָקטאָר" (שפּעטער אָנגערופן „אַ דאָקטאָר") און די קאָמעדיע „דער גט". מיט צוויי יאָר שפּעטער, אין 1889 — „אַ ריינע קאָמעדיע", „די אסיפה". הגם אידיש טעאַטער האָט שוין דאַן דאָ און דאָרטן עקזיס־טירט, אָבער עס האָט זיך געפירט אַן אייגן וועלטל, געהאַט ווייניק שייכות און פאַרבינדונג מיט ליטעראַטור און שרייבער. שלום עליכם, ווי די אַנ־דערע שרייבער פון יענער צייט, האָט מסתמא לכתחילה נישט געהאַט קיין האָפענונג און קיין זיכערקייט אוודאי נישט, אַז זיינס אַ ווערק זאָל געשפּילט ווערן אין טעאַטער. און דאָך האָט אים אָן אויפהער געצויגן צו דער דראַ־מאַטורגיע. אמת, דראַמאַטישע ווערק פאַרנעמען אַ קלענערן אָרט צווישן די

ש"ע־שריפטן, אָבער זיינען דען נישט צעוואָרפן אמת־דראַמאַטורגישע עלע־מענטן און שטריכן אין אַלע שאַפונגען פון שלום עליכם? שלום עליכם אַליין איז געווען אַ מייסטער צו לייענען און פּאַרצוליייענען זיינע זאַכן, ער פלעגט נאָך אַמאָל אויפטרעטן אין זיין קרייז מיט פאַרלייענונגען, וואָס האָבן געהאַט גרויס דערפאָלג. מיט דער צייט איז ביי אים געוואַקסן דער דראַנג צו דער בינע. אָבער נישט געקוקט אויף זיינע אַלע באַמיאונגען, האָט אים די בינע נישט אויפגענומען, נישט באַנומען.

מיר ווייסן פון זיינעם אַ בריוו נאָך פון יאָר 1894 (צו הלל מאַלאַ־כאָווסקי, ארויסגעבער פון דער פּיטסבורגער „די טויב"), וואו ער פרעגט זיך, צי ס'איז דאָ אין פּיטסבורג אַ אידיש טעאַטער און צי ס'איז נישט מעגלעך אויפצופירן אינם טעאַטער זיינע אַ פּיעסע, ווייל „ער האָט פּאַרטיק אַ קאָמעדיע אַלאַ ,רעוויזאָר' פון גאָגאָל." עס איז די פיר־אַקטיקע קאָ־מעדיע „יקנה"ז אָדער דאָס גרויסע בערזע־שפּיל", (אַ סאַטירע אויף די קיעווער־יעהופּעצער בערזע־סוחרים). די קאָמעדיע איז געדרוקט געווען אין 1894, אָבער זי איז נישט דערגאַנגען צום ברייטן עולם, ווייל די צענזור האָט דאָס בוך קאָנפיסקירט צוליב אַ מסירהלע פון די קיעווער בערזע־סוחרים, וואָס האָבן דערקענט זייערע אייגענע געשטאַלטן אין די פּערסאָ־נאַזשן פון דער קאָמעדיע. אָט די קאָמעדיע ווערט פאַרענדיקט מיט אַ גרויסער טשיקאַווער רעדע פון דעם סטודענט מאַרקוס (צום גאַנצן עולם):
„זעט, קוקט אייך אָן אין שפּיגל, וואָס פאַר אַ פּנים איר האָט מיט אייערע ספּעקולאַציעס, מיט אייער בערזע, מיט אייער יקנה"ז, מיט אייערע קאָרטן, מיט אייערע זשורפיקסן, מיט אייערע דאַמען, די אַריסטאָקראַטקעס און מיט אַלע אייערע גענג אַרום און אַרום!" און ווייטער קומען אינטערעסאַנטע וואָרנונגס־רייד: „עס וועט זיך געפינען איינער, וואָס וועט אייך באַשרייבן אויף די גאַזעטן, וועט פון אייך מאַכן אַ בוך, אַ קאָמעדיע, אַ גאַנצע קאָ־מעדיע! צו שאַנד און צו שפּאָט וועט איר דעמאָלסט זיין אומעטום, וואו מען הערט אַ אידיש וואָרט! אויף טעאַטער וועט מען אייך אַרויסשטעלן; מען וועט קוקן אויף אייך, מע וועט טייטן מיט די פינגער און מע וועט לאַכן, זיך איינרייסן דאָס געזונט לאַכנדיק!"

אָבער מאַרקוסעס ווערטער ווערן אַזוי גיך נישט מקוים. עס גייען אַוועק יאָרן און יאָרן, און שלום עליכם קען זיך נישט דערשלאָגן צום אידישן טעאַטער.

אין 1899 שרייבט ער אָן אַן איינאַקטער „מזל טוב", אין 1903 דרוקט

ש״ע אין פארזעצונגען זיין „צעזייט און צעשפרייט״ (אין דריי אקטן, שפע־טער ווערט צוגעגעבן א פערטער אקט). אין 1905 ארבעט איבער ש״ע די פיעסע און גיט צו אן ארײנפיר, וואס איז ביז גאר אינטערעסאנט: „מיט אייניקע יאר צוריק — שרייבט ש״ע — האט זיך געדרוקט פון מיר א פעליעטאן אין דער ,אידישער פאלקסצייטונג׳ אונטערן נאמען ,צעזייט און צעשפרייט, בילדער פונם אידישן לעבן׳. הגם די דאזיקע בילדער זיינען געשריבן אין א דראמאטישער פארם, דאך האט זיך מיר אפילו נישט גע־חלומט, אז איך וועל אמאל זוכה זיין צו זען זיי אויפגעפירט אויף דער סצענע. אין עטלעכע יאר ארום האט מען די פיעסע איבערגעזעצט אין דער פוילישער שפראך און מען האט זי געשפילט אין פוילישן טעאטער זייער ראשנד, די גאלעריע האט געפאטשט ,בראוואו׳ ווי געוויינטלעך. נאר וואס מער דער עולם האט געגוואלדעוועט, אזוי מער האט דאס דעם מחבר פאר־דראסן: ער האט געפילט, אז דער פיעסע פעלט א סך מער וויפל זי פאר־מאגט: ער האט געפילט, אז אויף דער בינע ווערט געשפילט א פעליעטאן, נישט קיין דראמע . . . איך בין געווען דענסטמאל אויב נישט דער איינ־ציקער, וואס האט אויסגעפייפט דעם מחבר פון דער פיעסע. איצט, ביי דער צווייטער אויפלאגע, צום אויפפירן זי אויף דער אידישער בינע, האב איך זי גענומען צום אויסבעסערן. דאס ,אויסבעסערן׳ האט מיך אבער אזוי ווייט פארשלעפט, אז איך האב כמעט אנגעשריבן א גאנץ נייע פיעסע, כמעט נאר איבערגעלאזט דעם הויפט־געדאנק, די נעמען פון די פארשוינען און א צוויי־דריי סצענעס אומגעענדערט. איך האב געוואלט, אז מיין ערשטע פיעסע אויף דער אידישער בינע זאל האבן כאטש א שטיקל פנים פון א פיעסע . . . ,יונגע דראמאטורגן — זאגט טשעכאוו — באדארף מען ווינציקער אפלאדירן און מער אויספייפן׳. גאלדענע ווערטער!״

עס וואלט אונדז צו־ווייט פארפירט, ווען מיר גייען אויספירלעך אויס־דערציילן וואס שלום עליכם האט זיך אנגעליטן ארום דעם אידישן טעאטער, דאס מיינט ארום זיין באשטרעבונג, מען זאל זיינע פיעסעס אויפפירן אויף דער אידישער בינע. עס איז א זייער אינטערעסאנט בלעטל געשיכטע אינם לעבן פון אונדזער גרויסן שרייבער און אויך — אינטערעסאנטע בלעטלעך אידישע טעאטער־געשיכטע. מיר וועלן נאר דערציילן אין קורצן, ווי ש״ע האט זיך געוואלט דערנעענטערן צום טעאטער, און עס איז אים אלץ נישט געגאנגען.

אין 1905 האט ש״ע געשלאסן אן אפמאך מיט יעקב ספיוואקאוסקי

און סעם אדלער צו גרינדן אין אדעס אַ קונסט־טעאַטער, וואו ער, ש״ע, האָט געזאָלט זיין דער ליטעראַרישער פירער. אָבער צוליב אַ מסירה פון קאָנקורענטן איז עס נישט רעאַליזירט געוואָרן. אין דעמזעלבן יאָר שיקט ש״ע צוויי פּיעסעס „מאיר שאַלאַנט״ (באַרבעט פון „צעזייט און צעשפּרייט״) און „סטעמפּעניו״ (אָדער „דער אידישער פּאַגאַניני״). אַמעריקע האָט פאַר־לאַנגט איבערצומאַכן דעם 5טן אַקט. ש״ע פאָלגט און שרייבט אין זיין בריוו: „איך שיק אייך דעם 5טן אַקט צו ,סטעמפּעניו׳. אַ נייער אַקט, אַנשטאָט דעם פריערדיקן, מיט אַ טויט, לויט אַמעריקע פאָדערט. אַ אי־דישע העלדין, נאָך מיין מיינונג, סמט זיך זעלטן אוים ליבע. נאָר וואָס זאָל מען טאָן, אַז אַמעריקע הייסט ? ווייזט דעם 5טן אַקט דעם ה׳ אדלער. לאָז ער די גאַנצע פּיעסע גוט דורכקוקן, לאָז ער זי איין מאָל אויפפירן מיט אַלע פישטשעווקעס, מיט אַלע דעטאַלן — וועט ער זען וואָס דאָס איז!״

אין יענער צייט אַרבעט ש״ע נאָך אויף אַ פּיעסע „דער לעצטער קרבן״, געבויט אויף די געשעענישן פון רעוואָלוציע און פּאָגראָמען פון 1905־1906 אין רוסלאַנד. זי האָט אַ שייכות מיטן ראָמאַן „דער מבול״, וואָס ש״ע האָט געשריבן שפּעטער מיט אַ יאָר. און ש״ע שרייבט צו זיין פריינט ד״ר מ. פישבערג, זיין פאַרטרעטער, אין ניו־יאָרק : „ . . . איך דאַרף אייך זאָגן אַפריער, אַז בנוגע דער פּיעסע וועט אייך מסתמא אויסקומען אויסצו־שטיין אַ קאַמף דערפאַר, וואָס זי פאַרמאָגט נישט קיין עפעקטן. נאָר איך וועל זיך קיימאָל נישט דערלויבן נאָכצוגעבן דעם אַמעריקאַנישן געשמאַק און פאַרבויגן די געזעצן פון קונסט. זאָלן זיי רעפּעטירן אויך די פּיעסע. אין איר איז פאַראַן מער אמת פון לעבן איידער אין דער פריערדיקער, הגם וויניקער פּאָעזיע ווי אין ,סטעמפּעניו׳. מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער שרייבט ש״ע צום זעלבן ד״ר פישבערג, וואו ער רעדט וועגן דער פּיעסע, וואָס ער שיקט אים גלייכצייטיק, אַז „וואָס שייך דער סצענישקייט פון דער פּיעסע, איז ביי אַ פּינקטלעכער אויפפירונג און מיט רייכע דעקאָראַציעס וועט זי מאַכן אַ פורור.״ די־אָ פּיעסע, אגב, איז נישט אויפגעפירט געוואָרן, און דער מאַנוסקריפּט איז פאַרלוירן געגאַנגען.

אָקטאָבער 1906 קומט ש״ע נאָך פאַרשיידענע ארומוואַנדערונגען קיין אַמעריקע, און עס הויבן זיך אָן נייע פאַרדרייענישן מיט קלאַפּאָטן מכח אויפפירן ש״עס פּיעסעס אין אידישן טעאַטער. סוף כל סוף גיט זיך איין צו שטעלן אין איין צייט אין צוויי טעאַטערן צוויי זאַכן פון ש״ע : „שמואל פּאַסטערנאַק אָדער דער אויסוואורף״, (באַארבעט פון „יקנה״ז״), אין יעקב

אדלערס „גרענד־טעאטער", און „אידישע טעכטער" (באַארבעט פון „סטעמפעניו") ביי באָריס טאָמאַשעװסקין אין „פּיפּלס־טעאַטער". אָבער קיין נחת האָט ש"ע נישט געהאַט פון די־אָביידע פאָרשטעלונגען. די דעמאָלסדיקע אידישע פּרעסע האָט דאַן נאָך װײַט נישט געװאוסט װי אָפּצושאַצן ש"עס דראַמאַטורגישע אײגנשאַפטן און מעלות, דערצו האָט קלײנלעכע פּאָליטיק געשפּילט אַ שטאַרקע ראָלע. װי עס גיט איבער י. ד. בערקאָװיטש, האָבן בלויז דער „טאַגעבלאַט" און „מאָרגען זשורנאַל" געלויבט די אויפפירונגען, און די איבעריקע צײַטונגען האָבן די „פּיעסעס אַראָפּגעריסן מיט די גרעסטע זלזולים".

שלום עליכם האָט זייער שאַרף און לײַדנשאַפטלעך איבערגעלעבט אָט די געשיכטע מיטן אידישן טעאַטער, און װעגן דעם זײַנען עדות זײַנע בריװ צו דער משפּחה. ער שרײַבט צװישן אַנדערן: „. . . װאָס שייך דער פּרעסע, איז פאַר דער ענגלישער בין איך רואיק, װאָרום זי איז ערלעכער פון דער אידישער; די אידישע איז פּאַרטײאיש, פון איר דערװאַרט איך קיין שום גוטס נישט. נאָר זי איז אינגאַנצן װערט אַ גראָשן. דער עיקר איז דאָס פּובליקום, דער גרויסער עולם." ש"ע גיט צו, אַז „עס שטײט מיר נאָך אַ סך שטרויכלונגען אויף דעם דאָזיקן נײַעם װעג, אַ גרויסער קאַמף, און איך האָף אַרויסצוקומען אַ זיגער".

לײַדער אָבער איז ש"ע אַרויס אויך דאָס מאָל אַ באַזיגטער.

די צרות און פּײַניקונגען, די שטרויכלונגען און דורכפאַלן באַגלייטן אויך װייטער שלום עליכמען, ער פאַרלירט אָבער אַלץ נישט די האָפענונג צוצוקומען צום טעאַטער.

נאָװעמבער 1907 פאַרענדיקט ש"ע אַ נײַע פּיעסע „דער אוצר" (באַקאַנט שפּעטער אונטער דעם נאָמען „גאָלדגרעבער"), ער שיקט זי פון זשענעװע צו זײַן אײדעם י. ד. בערקאָװיטש קיין ניו־יאָרק צו פאַרהאַנדלען מיט יעקב אַדלער. אָבער אָט די פּיעסע — װי בערקאָװיטש גיט איבער — איז דאַן געלייענט געװאָרן כמעט פון אַלע דעמאָלדיקע ניו־יאָרקער טעאַטערדירעקטאָרן, נאָר זי האָט זיך אַרויסגעװיזן פאַר זיי צופיל „ליטעראַריש". אײנער האָט זי יאָ געװאָלט אָננעמען נאָר מיטן תנאי, אַז ער אַליין זאָל זי איבערמאַכן אין אַן אָפּערעטע מיט געזאַנג און מיט טענץ. ש"ע האָט, מערץ 1908, געשריבן װעגן אָט דער פּיעסע צו ישראל י. זעװין (תשר"ק), רעדאַקטאָר פון „טאַגעבלאַט" צװישן אַנדערן: „ . . . גראַדע איצט געפינט זיך דער ,אוצר' אין ניו־יאָרק ביי בערקאָװיטשן. איך האָב אים באַפול-

מעכטיקט, ער זאָל אונטערהאַנדלען מיט דעם „נשר הגדול" (מיט אַדלערן), פאַר וועלכן, אייגנטלעך, איך האָב באַשאַפן אַ טיפּ פון אַ אידישן אידן, פון אַ מאַמין, פון אַן אולטראַ־בעל־בטחון — אַן עקסטראַקט פונם אידענטום. דאָס איז שוין איינמאָל אַ איד! לוי מאַזגאַוואיער הייסט ער, פון די מאַזגאַוואָיערס . . . — — — — אין דעם מאָמענט פיל איך דאָ, אַז דאָרט דינגט מען זיך איבער דעם, ווי איבער אַן אָקס. מען וויל קויפן דעם אָקס וואָס־ביליקער, און מען קוקט, אַז נישט נאָר פליש, נאָר חלב זאָל ער געבן, דער אָקס, און פעל זאָל זיין אַזעלכע, וואָס זי אַליין זאָל ווערט זיין דאָס געלט . . . מיר, אידישע משטיינס־געזאָגט ליטעראַטן, זיינען דאָרט אינם פרייען לאַנד מער פאַרשקלאַפּט אַלס אַלע אַנדערע פאַרשקלאַפּטע דורכן קאַפּיטאַליזם . . . נאָר גאַרנישט, כאַטאַ פּאָקרישקע. אַלץ ביז אַ צייט. עס וועט אַמאָל אויף אונדזער בלאָטקעלע אויך געבן אַ שיין די ליכטיקע זון, און מיר וועלן זיך אויך אַמאָל פּאָליאַסקען, ווי די חזרים, די באָסעס, מיין איך, מיט די מענעדזשערס, מיט די איבעריקע ווילדע חיות."

דערוויל איז נישט גוט, און ש"ע שרייבט דעם 7־טן אַפּריל 1908 אַ פאַרצווייפלטן בריוו צו בערקאָוויטשן: „איך האָב מיך שוין מיאש געווען און האָב שוין אַ מאָך געטאָן מיט דער האַנט דערויף. איך גלויב מיטן פולן גלויבן, אַז ס'וועט קומען אַ צייט, וואָס מען וועט זוכן דעם „אוצר" מיט ליכט און מען וועט זיך אַרומטראָגן מיט אים און מען וועט הנאה האָבן פון אים און מען וועט רעדן פון אים זייער און זייער אַ סך. נאָר דערוויל איז די זאַך זייער שווער. וואָס־זשע זאָלן מיר טאָן און וואָס קאָנען מיר טאָן? . . . דאָס אידישע טעאַטער — זאָגט ש"ע — וועט זיך אַנטוויקלען דווקא אין רוסלאַנד, און ערשט נאָך דעם אין דעם יאַנקי־לאַנד. און מיר, מיר וועלן זיין די באַלעבאַטים אויף אונדזער וועלט, און די דאָזיקע פּלעדערמייז — — — וועלן גיין צו אַלדי רוחות און זייער נאָמען וועט זיין צו אייביקער שאַנד. מיינע אויגן וועלן דאָס אפשר נישט זען, אָבער דו וועסט עס געוויס זען, וואָרום דו ביסט יונג, און דער וועג פון דיין לעבן איז נאָך גרויס פאַר דיר . . ."

און וואָס מער דאָס אידישע טעאַטער שטויסט אָפּ ש"עמען, אַלץ מער ווערט ער צוגעבונדן צו אים. אין די יאָרן 1909-1911 שרייבט ש"ע אָן זיין וואונדערבאַרן גרויסן ראָמאַן פונם לעבן פון די אידישע אַקטיאָרן „בלאָנדזשענע שטערן" (אין 2 טיילן: „אַקטיאָרן" און „נע ונד"), וואו ש"ע ווייזט

ארוים פיל ליבע און פיעטעט און מיטליד פאר דער אייגנארטיקער אידי־שער אַקטיאָרן־וועלט. ש"ע שרייבט אויך אָן אין די ווייטערדיקע יאָרן פאר דער בינע: „מענטשן" (1907), „אַגענטן" (1909), „קיניג פיק" (1910), „שרגא" (1911) א. אַ.; אין 1914 פארפאַסט ער די טראַגיקאָמעדיע „שווער צו זיין אַ איד" (לויטן ראָמאַן „דער בלוטיקער שפּאַס") און אין 1915 — דאָס פאָלקס־שטיק „דאָס גרויסע געווינס". אָבער אויך זיי דער־גייען נישט צום טעאַטער.

ערשט עטלעכע יאָר נאָך שלום עליכמס פריצייטיקן טויט הויבט זיך אָן די פאַראינטערעסירונג מיט ש"עס פּיעסעס אינם אידישן טעאַטער. מאָריס שוואַרץ איז דער, וואָס גיט זיי דעם ערשטן סצענישן תיקון. אין 1919 (דעם 29טן אויגוסט) הויבט ער אָן דעם טעאַטער־סעזאָן מיט ש"עס „טביה דער מילכיקער"; דעם 3טן סעפּטעמבער 1920 גיט ער די פּרעמיערע פון ש"עס „שווער צו זיין אַ איד", דעם 16טן דעצעמבער 1920 „אַן עצה"; דעם 8טן דעצעמבער 1922 „דאָס גרויסע געווינס"; אין 1927 ש"עס „גאָלד־גרעבער" („דער אוצר"); אין 1928 „סטעמפּעניו"; אין 1929 „בלאָנ־דזשענדע שטערן" א. אַז וו. דער קאַמער־טעאַטער אין מאָסקווע, אונטער דער רעזשי פון אַלעקסאַנדער גראַנאָווסקי, האָט זיך געעפנט אין 1921 אין מאָסקווע מיט אַ שלום־עליכם־פאַרשטעלונג („אַגענטן", „מזל טוב", „דער פאַרשטערטער פּסח"), אין 1924 „דער גט" און שפּעטער ווערט אויפגע־פירט דער פּראַכטפולער ספּעקטאַקל, וואָס איז דערנאָך געגאַנגען פיל הונ־דערטער מאָל, „דאָס גרויסע געווינס" („200,000").

און אַזוי אויך אין אַלע אַנדערע לענדער, וואו עס עקזיסטירט אידיש טעאַטער, איז שלום עליכם געוואָרן אַן עיקר, אַ יסוד אין דעם רעפּערטואַר. אין פיל אידישע טרופּעס בעסערע און ערגערע ווערן געשפּילט יאָרנלאַנג שלום־עליכמס דראַמאַטישע ווערק. יעדער איינער אויף זיין אופן און לויט זיינע השגות האָט געפּרואווט אויסטייטשן און אַרויסברענגען די שלום־עליכמישע טיפּן און געשטאַלטן, די שלום־עליכמישע פרייִלעכע סביבה. „דאָס גרויסע געווינס" (אָדער „200,000") האָט באַוויזן אַ לאַנגע צייט גע־שפּילט צו ווערן אין אַלע עקן וועלט. און עס זיינען דאָ אַזויפיל „קאָנ־צעפּציעס", אַזוי פיל אויסטייטשונגען, וויפל עס זיינען געמאַכט געוואָרן ערנסטע אויפפירונגען פון אָט דער באַצויבערנדיקער פּיעסע. און וויפל גוטע אַקטיאָרן — אַזוי פיל געשטאַלטן פון שימעלע סאָראַקער. און אַזוי אויך איז מיט „טביה דער מילכיקער", וואָס איז געוואָרן ביי אַ ריי וויכטיקע

שווישפּילער זייער קרוין־ראָלע. דאָס זעלבע מיט אַ ריי אַנדערע שלום־עליכם־געשטאַלטן.

ערשט היי־יאָר האָט מען אין מאָסקווער אידישן מלוכה־טעאַטער גע־געבן אַ נייע פּראַכטפולע שלום־עליכם־פאָרשטעלונג „טביה דער מילכיקער" לויט דער אינסצענירונג פון י. דאברושין און נ. אויסלענדער. עס דער־גייען באַגייסטערטע אָפּרופן וועגן דער גלענצנדער אויפפירונג.

אין ראַטנפאַרבאַנד האָט מען מיט אַ 12 יאָר צוריק געדרייט אַ פילם פון שלום עליכמס „מנחם מענדל" — רעזשי אַלעקסאַנדער גראַנאָווסקי מיט מיכאָעלסן אין דער ראָלע פון מנחם־מענדל.

דער ניו־יאָרקער „אַרטעף", אונטער דער רעזשי פון בענאַ שניידער, האָט אַ פּאָר יאָר געשפּילט אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן ש"עס „דאָס גרויסע געווינס" און עטלעכע אַנדערע קלענערע זאַכן און סצענעס. און דער וואַרשעווער „יונג טעאַטער" — אונטער דער רעזשי פון ד"ר מ. וויכערט האָט אַרויסגעבראַכט אויף אַ נייעם שטייגער ש"עס „דער אוצר" אונטערן נאָמען „נאַפּאָלעאָנס אוצר". יעקב שטערנבערג פון רומעניע האָט מיט עטלעכע יאָר צוריק באַוויזן אַן אָריגינעלן שלום־עליכם־ספּעקטאַקל לויט זיין „דאָס פאַרכישופטע שניידערל", וואָס איז דערנאָך געשפּילט געוואָרן אין וואַרשע און איז געגאַנגען אַ לאַנגע צייט אין פּאַריז ביים „פּיאַט" (רעזשי — דוד ליכט). אין 1937 איז אין וואַרשע דורך זיגמונט טורקאָוו געגעבן געוואָרן אַ אינסצענירונג פון שלום עליכמס „בלאָנדזשנדע שטערן", וואו עס זיינען אַרויסגעבראַכט געוואָרן אָריגינעלע געשטאַלטן פון דעם אַמאָליקן אידישן טעאַטער. אַט די רשימה וואָלט מען געקענט פירן נאָך און נאָך.

מען דאַרף דאָ צוגעבן, אַז די העברעאישע „הבימה" האָט אַריינגע־נומען אין איר שטאַם־רעפּערטואַר שלום עליכמען. עס זענען געגעבן דורך איר „דער אוצר", „עמך" (דאָס גרויסע געווינס) און לעצטנס — אַ שלום־עליכם־ספּעקטאַקל „עלי כינור" (אויפן פידל), וואָס גיט די קלעזמער־טיפּן ביי שלום עליכמען.

ווי גאָלדפאַדען אין זיין צייט, און דערנאָך יעקב גאָרדין, דוד פּינסקי, שלום אַש, פּרץ הירשביין — האָט שלום עליכם אַ קער געטאָן דאָס אידישע טעאַטער אויף אַ נייעם וועג. דורך זיינע צאַפּלדיקע דינאַמישע געשטאַלטן איז אַרויפגעבראַכט געוואָרן אויף דער אידישער בינע פרייד, באַוועגונג, לע־

בעדיקער אידישער הומאָר, קוועקזילבערדיקע שפּראַך, און אַן אַ שיעור שפּילעוודיקייט. דאָס אידישע טעאַטער האָט נישט נאָר געצויגן יניקה פון זיינע, שלום עליכמס, דראַמאַטישע שאַפונגען, נאָר פיל סתם־מעשיות פון ש״ע; געשיכטן, דערציילונגען זיינען צוגעפּראַוועט געוואָרן פאַר דער בינע און נעמען ביז איצט געוואַלדיק אוים. עס איז אַלץ איינס, אייגנטלעך, וואָס מען פירט אוים פון ש״עמען, אבי מען גיט „אַ שטיקל שלום־עליכם״.

דער וועג פון שלום עליכם צום אידישן טעאַטער איז געווען אַ זייער שווערער, דורך פיל שטערונגען און שטרויכלונגען. יאָרן און יאָרן האָט שלום עליכם נישט געקענט קומען צום אידישן טעאַטער, נישט געקוקט אויף אַלע זיינע באַמיאונגען. אָבער דער וועג פון אידישן טעאַטער צו שלום עליכמען איז שוין גאָר אַן אַנדערער — ער איז אַן אינטערעסאַנטער, פיל־קאָלירנדיקער און זייער אַ וויכטיקער.

„דער סך־הכל, דער רעזולטאַט פונם גרויסן יאַריד"

„דער סך־הכל, דער רעזולטאַט פונם גרויסן יאַריד" — אַט אַזוי האָט שלום עליכם באַצייכנט זיין ווערק „פונם יאַריד", וואָס ער האָט געשריבן די לעצטע צוויי יאָר פון זיין לעבן. אָבער נישט נאָר אין דעם־אָ ווערק האָט שלום עליכם אויסדערציילט און אָפּגעמאָלט די אַלע פּאַסירונגען און פּאַרשוינען וואָס ער האָט איבערגעלעבט און באַגעגנט אויף זיין לעבנס־וועג, בעת ער איז געפאָרן אויפן יאַריד און פונם לעבנס־יאַריד. אין אַלע זיינע גרעסערע און קלענערע ווערק, וואָס ער האָט געשריבן מיט אַזאַ ברען און ליידנשאַפט, האָט ער אַרויסגעבראַכט מענטשן און עפּיזאָדן, געשטאַלטן און סצענעס, וואָס זיין שאַרף אויג און זיין וואַך אויער האָבן אויפגעכאַפּט.

שלום עליכם אַליין האָט אַדורכגעמאַכט די איבערוואַנדלונגען, וואָס דאָס אידישע לעבן האָט אַדורכגעמאַכט די צווייטע העלפט פונם 19טן יאָרהונדערט און די ערשטע יאָרן פונם 20טן יאָרהונדערט. געבוירן און אויפגעוואַקסן, ווי ער שרייבט אַליין, „אין סאַמע קאַסרילעווקע", איז ער דערנאָך צוזאַמען מיט זיין דור, צוזאַמען מיט זיין תקופה געגאַנגען פון קאַסרילעווקע אין יעהופּעץ. „דעם העלד פון דער דאָזיקער ביאָגראַפיע — זאָגט שלום עליכם וועגן זיך אַליין — האָט זיך אויסגעוויזן, ווי עס ווייזט זיך אויס מסתמא יעדן אינגל, אַז זיין שטעטל — דאָס איז דער מיטל־פּונקט פון דער וועלט, דער סאַמע נאָפּל פון דער ערד, און זיינע אידן — דאָס זיינען די אויסדערוויילטע ביי גאָט. וואָס צוליב זיי איז באַשאַפן געוואָרן די דאָזיקע וועלט." („פונם יאַריד", ב' 1, ז' 94.) דאָס אַמאָליקע פּאַטריאַרכאַלע לעבן איז געווען אַ פעסטונג, וואָס מען האָט פון אינעווייניק און פון דרויסן, מיטן גוטן ווילן און מיט גזירות רעות, אַרומגערינגלט מיט פעסטע ווענט. אידן האָבן געלעבט אַ זייער אָפּגעבאַזונדערט עקאָנאָמיש און גייסטיק לעבן, ס'האָט זיך געשאַפן אַן אייגענע סטרוקטור, און מען האָט אַריינגעלעבט מיט אַ שטיק מיטלאַלטערלעך לעבן טיף אין דער נייער צייט אַריין. שלום עליכם איז פון די פריע קינדער־יאָרן אָן געווען אַן עדות, ווי עס „האָבן זיך פּלוצים די זיילן פון דער פעסטונג געגעבן אַ שאָקל, דער פּאַלאַץ האָט גענומען איינבויגן זיך אויף אומצופאַלן, און דער גאַנצער בישוף פונם גליקלעכן שטעטל איז מיטאַמאָל פאַרשוואונדן געוואָרן." עס הויבט זיך אָן די גרויסע עמיגראַציע: פריער די איבערוואַנדערונג פון דעם שטעטל אין דער גרעסערער שטאָט, און דערנאָך — דערהויפּט אין די

80ער יאָרן, נאָך די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד, די עמיגראַציע קיין אַמעריקע. קאַסרילעווקע איז אין באַוועגונג, קאַסרילעווקע איז אין גאַנג, קאַסרילעווקע בייט איר אויסזען, איר כאַראַקטער, איר אינעווייניקסטן און אויסנווייניקסטן שטייגער. דאָס לעבן אין רוסלאַנד מאַכט אויך אַדורך שאַרפע און קאַנטיקע ענדערונגען. דאָס פעאָדאַלע רוסלאַנד ענדערט זיך ראַשיק. ס'קומט אויף אַן ענערגישע בורזשואַזיע, וואָס בויט איבער דאָס אַרומיקע לעבן; דאָס ליבֿ־אייגנטום ווערט אָפּגעשאַפן, עס רוקן זיך אַרויס אינם לעבן נייע פאַקטאָרן און נייע ווירקנדיקע כּחות. אידן ווערן אַריינגעצויגן אינם אויפקומענדיקן האַסטיקן אינדוסטריאַליזירטן לעבן. עס קומען אויף נייע שטעט, עס באַווייזן זיך נייע מסחר־צווייגן, עס עפענען זיך פאַר פלינקע ענערגישע מענטשן נייע מעגלעכקייטן. הכּלל, עס הויבט זיך אָן צו דרייען אַ ראָד מיט רעדלעך, וואָס ציט אַריין אין זיין געדריי אויך די אידן. דער קאַסרילעווקער „בעל־החלומות" לאָזט זיך שווימען אין דעם ים, וואָס פאַרבייט אים די אַמאָליקע גנילאַפּיאַטעווקע. שלום עליכם אַליין איז לכתחילה אַריינגעצויגן געוואָרן אין דעם געווירבל פון די בלערליי אויסטערלישע געשעפטן. און געלעבט אַליין אין אָט דער צעהיצטער סביבה, פאַרמאָגט שוין שלום עליכם זין און פאַרשטאַנד אָפּצולאַכן פון איר, מאַכן אויסצודרייען אָט די אַלע פאַרשווינען און זייערע מעשים. עס איז ווּכטיק אונטערצושטרייכן, אַז נאָך אין יאָר 1892 האָט שוין שלום עליכם פאַרעפנטלעכט די ערשטע סעריע בריוו פון מנחם מענדל און שיינע שיינדל, שוין דאַן האָט ער אָנגעהויבן אויפצופּאַסן דאָס מנחם מענדלישע אין אידישן לעבן, אין אידישן מסחר, אין אידישן כאַראַקטער. אין 1894 שרייבט ער אָן זיין קאָמעדיע „יקנהו"ז אָדער דאָס גרויסע בערזן שפּיל", וואו ער גיט אַ שאַרפע סאַטירע אויף די קיעווער בערזע־סוחרים און „שטעלט אַרויס — ווי ער זאָגט אַליין — אויף לייטיש געלעכטער די גאַנצע יעהופּעצער בערזע מיט אַלע ספּעקולאַנטן און מעקלער פונם גרעסטן ביזן קלענסטן."

שלום עליכם איז געווען אַ לאַנגע צייט פאַרוויגט ביי דער אידישער קריטיק און ביים אידישן עולם ווי אַ קינסטלער אַ פריער פויגל, וואָס זינגט זיך אָט אַזוי, אָן אַ באַשטימטער כּוונה, אָן אַ מיין, ווייל עס איז אים גוט און גרינג און ליב צו לאַכן און צו לצעווען. אָבער אָט די מיינונג האָט זיך אַרויסבאַוויזן פאַר אַ פאַלשע און אומגערעכטע: שלום עליכם האָט גאַנץ קלאָר און שאַרף אויפגענומען די שאָטן־זייט פון דער אידישער ווירקלעכקייט, פון אידישן לעבנס־שטייגער און זיי אָפּגעמאָלן מיט זייער גאַנצער

אומברחמנותדיקייט. מער נישט, וואָס ער האָט נישט געקוקט דערויף פון אויבן אַראָפּ ווי אַ זייטיקער, נאָר געלאַכט און אויסגעלאַכט אויך זיך, זיך האָט ער נישט אַרויסגענומען פונם כּלל. מנחם מענדעלן זעט שלום עליכם „ווי אַ פליער, ברעכער, לויפער, דרייער, אַ נעכטיקער טאָג", ער זעט אין אים „דעם פאַרשטייער פון די יעניקע אידישע פּרנסות, וואָס אָנהויבן הויבן זיי זיך אָן, דאַכט זיך, גאַנץ־נישקשהדיק מיט אַזוי פיל בטחון און גלענצנדע האָפענונגען און לאָזן זיי זיך אויס צומייסטן מיט שלים־שלימ־מזל". יאָ, אָבער שלום עליכם האָט דערביי נישט מורא געהאַט אָפּטמאָל צו זען שטריכן פון מנחם מענדל אין זיך גופא.

שלום עליכמס קאַסרילעווקע איז אַ וווייטערדיקער עטאַפּ, אפשר אַ פּאָר צענדליק יאָר שפּעטער פון מענדעלעס קאַבצאַנסק און טונעיאַדעווקע. שלום עליכם האָט געפילט און פאַרשטאַנען אָט די פאַרזעצונג זיינע פון מענ־דעלען. און אויב ער איז נישט געווען קיין אייניקל פון מענדעלען, איז ער געווים געווען אין זיין שרייבן און אין זיין אויפפאַסן דאָס אידישע לעבן דער זון, די וווייטערדיקע רינג אין דער געשיכטלעכער און דער ליטעראַטור און קולטור־געשיכטלעכער קייט. קאַסרילעווקע לעבט שוין איבער ביי שלום עליכמען עמיגראַציע, חיבת־ציון און ציוניזם, מעשה־דרייפוס; און נאָך קאַסרילעווקע קומט ביי ש"ע יעהופּעץ. יעהופּעץ איז דער וווייטערדי־קער המשך פון קאַסרילעווקע. דאָ טרעטן שוין אַרויס די נייע מענטשן פון די וווייטערדיקע יאָר־צענדליקער פון סוף 19טן און אָנהויב 20טן יאָרהונ־דערט. און דערנאָך געשטאַלטן און פּאַסירונגען פון נאָך דער רוסלענדישער רעוואָלוציע פון 1905-1906. אין די קאַפּיטלען פון בלויז איין שלום־עליכמס „טביה דער מילכיקער", (געשריבן אין לויף פון איבער צוואַנציק יאָר, פון 1894 ביז 1914), זענען אַריינגעפלאָכטן שטיקער אידישע לעבנס, רעאַלע פּאַסירונגען פון אָט די צוואַנציק מערקווירדיקע יאָרן. שלום עליכם מאַכט מיט מיט זיינע העלדן, איבערהויפּט מיט זיינע באַליבטע העלדן („מאָטל פּייסע דעם חזנס" א. אַ.). דעם וועג פון קליינשטעטל אין דער גרויסער שטאָט, און דערנאָך דורך לעמבערג, לאָנדאָן אַזש קיין אַמעריקע.

אין אַלע זיינע ווערק האָט שלום עליכם אַריינגעפלאָכטן, אַריינגע־וועבט שטיקער לעבנס, צעפּלדיקע פאַרשווינען, אויסגענוצט אמתע פּאַסירונ־גען און מייסטעריש פאַרגעשטאַלטיקט זיי. און אומעטום מיט טיפער ליבע און באַגייסטערונג פאַר דעם „עמך"־מענטש, פאַר זיין פּשטות, פאַר זיין ער־לעכקייט, פאַר זיין האָרעפּאַשניקייט, און מיט בפירושן ווידערווילן פאַר

דעם געלט־זאַק, פאַר דעם אויפגעבלאָזענעם, פאַר דעם עקספּלואַטאַטאָר, פאַרן קאַבלעפל, פאַר דעם שטאָט־באַלעבאָס און גאָטס־סטראַפּשע.

„איך ווייס נאָר איינס — שרייבט ש״ע אין אַ בריוו צו דוד פּינסקי אין 1914 — אַז אין די צוואַנציק יאָר, וואָס איך האָב טביהם מעשיות איבערגעגעבן, האָב איך געפילט, אַז אַלע מיינע סימפּאַטיעס זיינען אויף דער זייט פון דעם דאָזיקן פּראָסטן, נאָר גאַנצן, נישט־באַרירטן אידן.״

קיינער פון די אידישע שרייבער האָט נישט געפילט אַזוי שטאַרק ווי שלום עליכם און נישט אַרויסגעפירט מיט אַזאַ שאַרפקייט דאָס אומנאָרמאַלע און אומגעלומפּערטע, וואָס די צאַרישע „קראָמיע־יעווריעוו״ (חוץ־אידן) געזעצן האָבן געשאַפן. שלום עליכם האָט געלעבט לענגערע יאָרן אין דער שטאָט קיעוו, אָט די שטאָט, וואָס איז געשטאַנען אין מיטן דעם אידישן תחום און דאָך, ווי אַ „הייליקע״ שטאָט איז זי געווען אויסגעטיילט מיט ווילדע ספּעציפישע אַנטי־אידישע געזעצן און פאַראָרדענונגען. שלום עליכם, ווי זיין שטייגער, האָט געזען נישט בלויז דאָס טראַגישע, דאָס טרויעריקע, נאָר אויך דאָס טראַגיקאָמישע, דאָס קאַריקאַטורישע אין די אַלע פאַראָרדענונגען און געזעצן, וואָס זיינען געווען געשאַפן קעגן דער רעכט־לאָזער אידישער נאַציע. אָבער ווי די מאַסן, אַזוי אויך זייער פאָלקס־שרייבער שלום עליכם האָט נישט נאָר געקרעכצט אונטער דער שווערער יאָך פון די געזעצן, נאָר אויך געלאַכט, געשפּאָט, געמאַכט חוזק. און שטענדיק מיט דער ליכטיקער האָפענונג און מיט דער פולער איבערצייגונג, אַז מען וועט עס איבערלעבן.

און אַזוי טאַקע איז געווען. דער צאַריזם איז געפאַלן און אין די אַלע שטעט און דערפער, וואו אידן איז געווען אַמאָל פאַרבאָטן צו לעבן און צו וואוינען, אין די אַלע ערטער זענען איצט דאָ גאַסן אויף שלום עליכמס נאָמען, און די פאַרשיידענע פעלקער, וועלכע באַוואוינען ראַטנ־פאַרבאַנד, נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל אין די גרויסע שלום־עליכם־פייערונגען, וואָס ווערן איצט איינגעאָרדנט אויף אַ ברייטן מלוכה־מאַסשטאַב. אין די פאַרשיידענע שפּראַכן פון די סאָציאַליסטישע פאַרבאַנדן דערשיינען איצט איבערזעצונגען פון אָט דעם שרייבער, וואָס איז אַזוי געקניפּט און גע־בונדן מיט זיין לייב און לעבן מיט אוקראַינע, וואָלין, מיט די אַלע שטעט און שטעטלעך פונעם געוועזענעם אידישן תחום.

און ביי היינט צו טאָג, צענדליקער יאָרן נאָך דעם ווי די ווערק זיינען געשאַפן, זעען מיר שלום־עליכמען, זיינע געשטאַלטן, די סיטואַציעס, וואָס

ער פירט אַרויס אויפֿן פּאַן פון רעכטלאַזיקייט, פון אויסער־אידן־געזעצן, גאַר אין אַנדער ליכט.

שלום עליכם האָט נישט געלאַכט גלאַט אַזוי, ער האָט נישט געלאַכט אין דער וועלט אַריין, ווייל „לאַכן איז געזונט, דאָקטוירים הייסן לאַכן", אַ פראַזע, וואָס מ׳האָט אַזוי אומגערעכט אַנגעבונדן שלום עליכמען. שלום עליכמס לאַכן איז אַ לאַכן דורך טרערן, אַ לאַכן מיט יאַשטשערקעס. דאָס האָט שלום עליכם גענומען פילן און אַזוי מיט דער צייט אַנגעהויבן אויפֿצונעמען און פאַרשטיין זיין געלעכטער. זאָלן דאָ געבראַכט ווערן עטלעכע שורות פון זיינעם אַ בריוו, וואָס ער האָט געשריבן צו יעקב דינעזאָן. אַ בריוו, וואָס האָט גאָר צו טאָן מיט אַן אַנדער ענין, אָבער דערוויל כאַפּן זיך אַרויס ביי שלום עליכמען אַזעלכע אינטערעסאַנטע שטריכן וועגן זיין אייגענעם שאַפֿן: „. . . און איר קענט דאָך מיך, אַז איך בין עפּעס נישט פון די גרויסע מרה־שחורהניקעס; איך בין, האָב איך מורא, פּונקט דער היפּוך פון אייך, דינעזאָן: איר וויינט און קלאָגט און גיסט, ווי אַ בערעזענע, און צום סוף לאָזט איר תמיד אויס מיט אַ זיס וואָרט, מיט אַ גוטער האָפענונג, און אַז מען גייט אַוועק פון אייך, איז מען אויפגעלעבט, אַביסל צעווייקט, אָבער צופרידן, גליקלעך צנגעוואַרעמט, אויסגעגלעט און געטרייסט אויפֿן בעסטן אופן. דאַגעגן אָבער איך — כאַ־כאַ־כאַ און כי־כי־כי, לעבעדיק און פריילעך, און אַ ציפּ, אַ ריס, אַ שטאָך, אַ קרעל, און אַמאָל אַ אַ זיפּץ, אַ קרעכץ, אַ טרער, און ווידער — כאַ־כאַ־כאַ און אָבער כי־כי־כי, און ווי מען גייט אַרויס פון מיר, פילט מען זיך אַביסל, דאַכט זיך, דאָסיק... איך שטעל מיר פאָר, אַז מען קען אַזוי צו זאָגן: ,אָט דער ימח־שמוניס, דאַכט זיך, האָ? מהיכי תיתי; קומט צום שפּיץ, זאָל אַ רוח אין זיין טאַטן אַריין!׳"

און נישט נאָר סתם געלעכטער פון שלום עליכמען נעמען מיר אויף, מיר נעמען אויך אויף דעם אָפּהילך און נאָך מער — מיר נעמען אויף דעם מיין, די כוונה, דעם „אונטערגרונט" זיינעם.

בעיקר די לעצטע צוויי צענדליק יאָר איז אויפגעוואַקסן פאַר אונדז אַלעמען, פאַר גאָר דער אידישער וועלט אַ נייער, באַנייטער און אַ פאַרטיפֿטער שלום עליכם.

און אָט דעם שלום עליכם האָבן מיר אַלע באַזונדערס ליב און ער איז אונדז אַלעמען, ער און זיינע ווערק, אַזוי טייער און אַזוי איינגעבאַקן אין האַרצן.

„דאָס בעסטע וואָס איך פאַרמאָג — מיין האַרץ"

אין דער ווידמונג „מיינע קינדער", וואָס שלום עליכם האָט אָנגעשריבן ווי אַ פאָרוואָרט צו זיין ווערק „פונם יאַריד", פעברואַר 1916, דאָס הייסט אַ צוויי חדשים פאַר זיין טויט, האָט שלום עליכם אַרויסגעבראַכט אָט די מערקווירדיקע ווערטער: „אייך ווידמע איך דאָס ווערק פון מיינע ווערק, דאָס בוך פון מיינע ביכער, דעם שיר השירים פון מיין נשמה. איך ווייס, אַז מיין בוך איז, ווי יעדעס מענטשנס ווערק, ניט ריין פון חסרונות, נאָר ווער נאָך ווייס אַזוי ווי איר וואָס עס קאָסט מיך? איך האָב אַוועקגעגעבן און אַריינגעלייגט אין דעם דאָס בעסטע וואָס איך פאַרמאָג — מיין האַרץ. לייענט דאָס פון צייט צו צייט, אפשר וועט איר אָדער אייערע קינדער דערפון עפּעס לערנען — ווי אַזוי ליב צו האָבן אונדזער פאָלק און צו שעצן זיינע גייסטיקע אוצרות, וואָס ליגן צעוואָרפן אין אַלע פינצטערע ווינקעלעך פון אונדזער גרויסן גלות אויף דער גרויסער וועלט. דאָס וועט זיין דער בעסטער לוין פאַר מיינע העכער דרייסיק יאָר געטרייע אַרבעט אויפן פעלד פון אונדזער מאַמע־לשון און ליטעראַטור."

אָט די טייערע, האַרציקע, טיף־רירנדיקע ווערטער פון דעם גרויסן שלום עליכם צו זיינע קינדער וועגן זיין ווערק זיינען אייגנטלעך ווערטער, וואָס מיט זיי ווענדט זיך דער גרויסער פאָלקס־מענטש, דער פאָטער פון דער אידישער ליטעראַטור צו אַלע זיינע קינדער, צו די אַלע אידישע מענטשן, וואָס זיי איז טייער דאָס אידישע פאָלק און זיין שפּראַך.

די אידישע מאַסע־מענטשן לייענען שלום עליכמען און לערנען פון אים זייער פיל. זיי ווייסן, אַז שלום עליכם האָט פיל צוגעטראָגן צו דעם אידישן שאַפן און באַרייכערט די גייסטיקע אוצרות פון אידישן פאָלק.

וויכטיקסטע דאַטעס אינם לעבן און שאַפן פון שלום עליכם

(לויט י. ד. בערקאָוויטש „שלום עליכם בוך“, ניו־יאָרק, 1926).

1859. 2טן מערץ, געבוירן אין פּערעיאסלאָוו, פּאָלטאַווער גובערניע, ביי מנחם נחום און מינדל ראַבינאָוויטש. קינדווייז אַריבערגעפאָרן מיט דער פאַמיליע קיין וואראנקא, וואָס ש"ע רופט אָן קאסרילעווקע. צוריקגעקומען קיין פּערעיאס־לאווו. נאָך זיין בר־מצווה געשטאָרבן ביי אים די מוטער. געפאָרן מיט שוועסטער און ברידער קיין באהוסלאוו צו זיין זיידע־באבע. דערנאָך צוריקגעקומען צו זיין פאָטער און צו דער שטיפמוטער חנה.

1873. אַריינגעטראָטן אין פּערעיאסלאווער רוסישער קרייזשול.

1876. געענדיקט די שול, געגעבן לעקציעס אויף רוסיש אין זיין שטאָט, דערנאָך אין רזשישטשעוו.

1877. אָנגעקומען ווי אַ לערער צו אלימלך לאיעוו אין גוט סאָפּיעווקע, קיעווער גוב., וואו געלערנט אַ דריי יאָר.

1879. פאַרעפנטלעכט אין דער העברעאישער „הצפירה“ קאָרעספּאָנדענציעס. גע־רופן געוואָרן צום פריזיוו און באַפריים געוואָרן.

1880. אויסגעקליבן געוואָרן אַלס ראַבינער אין לובען, פּאָלטאַווער גוב., אָנגע־האַלטן דעם אַמט ביז אויגוסט 1883.

1881. פאַרעפנטלעכט אין „המליץ“ זיין ערשטן אַרטיקל.

1882. געדרוקט צוויי אַרטיקלען אין „המליץ“.

1883. דעם 2טן מאַי (ל"ג בעומר) חתונה געהאַט אין קיעוו מיט האָדל (אָלגא) די טאָכטער פון אלימלך לאיעוו.

אין יולי־אויגוסט געדרוקט אין פּעטערבורגער פאָלקסבלאַט" זיין ערשטע דערציילונג אין אידיש „צוויי שטיינער“. אויפגעגעבן דאָס ראַבינערווו אין לובען און זיך באַזעצט אין סאָפּיעווקע. דערנאָך אַריבער קיין בעלאַצער־קאָוו, קיעווער גוב. אָפּגעדרוקט אין „פאָלקסבלאַט“ „די וויבאָרעס“, „די איבערגעכאַפּטע בריוו אויף דער פּאָסט“, „וואו איז אונדזער קאַפּיטאַן“ (ליד). אין בעלאצערקאָוו געוואוינט ביז יאָר 1887.

1884. אָנגעהויבן צו אַרבעטן ביי די קיעווער בראָדסקיס, רעווידירט זייערע גיטער אין יעקאַטערינאָסלאַווער גוב., לויטן פאַרלאַנג פון שווער אַוועק פון דער שטעלע. פאַרעפנטלעכט אין „פאָלקסבלאַט“ דערציילונגען און פעליעטאָנען, לידער און אַרטיקלען. פאַרעפנטלעכט אַ דערציילונג אין רוסיש אין „יעווי־רעיסקאיע אָבאָזרעניע“.

1885. נאָכן טויט פון זיין שווער — אפּעקון איבער זיין ירושה.

1886. אָנגעהויבן זיך פֿאַרנעמען מיט געשעפֿטן אין קיעוו. געדרוקט צווישן אַנדערן אין „פֿאָלקסבלאַט“ „בילדער פֿון דער באַרדיטשעווער גאַס“.

1887. אַריבערגעפֿאָרן קיין קיעוו, וואו געפֿירט גרויסע געשעפֿטן מיט ווייץ, צוקער, מיט ווערט־פּאַפּירן. צווישן אַנדערן געדרוקט אין „פֿאָלקסבלאַט“ „דאָס מעסערל“, דעם איינאַקטער „אַ חתן, אַ דאָקטאָר“; אין מרדכי ספּעקטאָרס „פֿאַמיליענפֿריינד“ — „דער אָרעמער עושר“.

1888. געשטאָרבן אין קיעוו זיין פֿאָטער, אַרויסגעגעבן אין זיין אָנדענק אַ ביכל „דאָס בינטל בלומען“. געדרוקט אין „פֿאָלקסבלאַט“ זיין ראָמאַן „ר׳ סענדער בלאַנק און זיין פֿילגעשעצטע פֿאַמיליע“. אַרויסגעלאָזט אַ ביכל קעגן דעם שרייבער שמ״ר „שמר׳ס משפּט“; אַרויסגעגעבן דעם ערשטן באַנד „די יודישע פֿאָלקסביבליאָטעק“, וואו געדרוקט צווישן אַנדערן זיין ראָמאַן „סטעמפּעניו“, געפֿאָרן קיין אדעס, זיך באַפֿריינדעט מיט י. ח. ראַווניצקי, דערנאָך מיט מענדעלע מוכר ספֿרים, בן־עמי, ש. דובנאָוו.

1889. גרייט צום דרוק דעם צווייטן באַנד „יודישע פֿאָלקסביבליאָטעק“, באַטויליקט זיך אין אַ פּאָלעמיק וועגן אידיש.

1890. אַרויסגעגעבן דעם צווייטן באַנד „יודישע פֿאָלקסביבליאָטעק“, וואו אָפּגעדרוקט זיין ראָמאַן „יאָסעלע סאָלאָוויי“. פֿאַרלוירן זיין פֿאַרמעגן, אַוועק קיין אויסלאַנד.

1891. געווען אין פּאַריז, ווין, טשערנאָוויץ, דערנאָך אין אדעס. געדרוקט סקיצן און נאָוועלן אין רוסיש.

1892. אַרויסגעגעבן אין אדעס דעם „קול מבשר צו דער יודישער פֿאָלקסביבליאָטעק“, וואו געדרוקט די ערשטע בריוו פֿון מנחם מענדל און שיינע שיינדל.

1893. פֿון אדעס אַריבערגעפֿאָרן קיין פּאַסטאָוו, דערנאָך קיין קיעוו, וואו פֿאַרנעמט זיך ווידער מיט מסחר, מעקלעריי. פֿאַרעפֿנטלעכט אין ספּעקטאָרס „הויז־פֿריינד“ זיין „סטאַנציע מאַזעפּעווקע“.

1894. פֿאַרעפֿנטלעכט זיין קאָמעדיע „יקנה״ז“, די צענזור האָט דאָס ביכל קאָנפֿיסקירט. אָנגעשריבן די ערשטע זאַכן אין אַמעריקאַנער אויסגאַבן אין דער פּיטסבורגער ציימונג „די טויב“ און אין „פֿילאַדעלפֿיער שטאַטציימונג“.

1895. אָנגעשריבן פֿאַרן „הויז־פֿריינד“ די צווייטע סעריע מנחם מענדלס בריוו.

1896. צוליב מאַנגל פֿון אויסגאַבעס אין אידיש, נישט פֿאַרעפֿנטלעכט קיין זאַך.

1997. אַרויסגעגעבן אין וואַרשע די בראָשור „דער אידישער קאָנגרעס אין באַזעל“.

1898. אָפּגעדרוקט אין וואַרשע צוויי בראָשורן „אויף וואָס באַדאַרפֿן אידן אַ לאַנד?“ און „צו מיינע שוועסטער אין ציון“; אַרויסגעגעבן אין פֿאַרלאַג „עזרא“ (בערדיטשעוו) די דערציילונג „משיחס ציימן“.

1899. אָנגעהויבן פֿיל צו שרייבן אַ דאַנק דעם דערשיינען פֿון זשורנאַל „יוד“, וואו אָפּגעדרוקט צוויי דערציילונגען פֿון „טביה דעם מילכיקן“, דעם איינאַקטער „מזל טוב“, די דריטע סעריע פֿום מנחם מענדלס בריוו, א. אַ.

1900. פֿאַרעפֿנטלעכט פֿאַרשיידענע זאַכן אין „יוד“ צווישן אַנדערע „דער זייגער“, „פּורים“, „די רויטע אידלעך“, „די פֿאָן“, „חנוכה געלט“ א. אַ. אָנגע־

הויבן ארויסטרעטן מיט מ. מ. ווארשאווסקי, דער פארפאסער פון די פאלקס־לידער, אויף אוונטן, אין קיעוו, בערדיטשעוו, בעלאצערקאוו.

1901. ארויסגעגעבן מ. מ. ווארשאווסקיס לידער, אנגעשריבן צום בוך א הקדמה. אפגעדרוקט אין „יוד“ פיל זאכן, צווישן אנדערע: „א נייע סעריע בריוו פון מנחם מענדל, „דאס טעפל“, „ביים קעניג אחשוורש“, „ראבטשיק“, „א פארשטערטער פסח“, אנגעהויבן די סעריע „קליינע מענטשעלעך מיט קליינע השגות“, „די שטאט קאסרילעווקע“; ארויסגעגעבן אין ווארשע „א מעשה אן אן עק“ („דער פארכישופטער שניידער“) א. א.

1902. וויטערדיקע מיטארבעטשאפט אין „יוד“, דערנאך אין וואכנבלעטער „אידישע פאלקסציטונג“, „אידישע פרויענוועלט“, פארעפנטלעכט צווישן אנדערן: „דרייפוס אין קאסרילעווקע“, „מתושלח“, „ווען איך בין ראטשילד“, „אויפן פידל“, דער דייטש“, „גימנאזיע“ און פיל אנדערע דערציילונגען.

1903. אויסער אנדערע אויסגאבן, הויבט אן מיטצוארבעטן אין די טעגלעכע ציימונגען „דער פריינד“, „דער טאג“, פארעפנטלעכט „צעזייט און צע־שפרייט“ (דראמע), „קאנקורענטן“, „אויף פסח אהיים“, „מיטן עטאפ“, „די פריילעכע קאמפאניע“ און פיל אנד. זאכן. זיך פארבונדן מיט טאל־סטאי, טשעכאוו, קאראלענקא און גארקי וועגן דעם זאמלבוך „הילף“ לטובת די געליטענע פון פאגראם. צוגעגרייט צום דרוק פיר בענד שריפטן „אלע ווערק פון שלום עליכם“ אין פארלאג „פאלקס־בילדונג“ (תושיה).

1904. באמיט זיך צו באקומען א דערלויבעניש ארויסצוגעבן א אידישע ציימונג, באזוכט פעטערבורג, אדעס, ווילנע, ווארשע. זיך באקענט מיט די רוסישע שרייבער גארקי, ל. אנדרעיעוו, א. קופרין א א., אין ווארשע זיך באקענט מיט י. ל. פרץ, בעל מחשבות. געדרוקט אין פארשיידענע אויסגאבן פיל דערציילונגען, מאנאלאגן, פארגעזעצט „טביה דער מילכיקער“, מנחם מענדלס בריוו, אנגעשריבן א קינדער־פיעסע „דער רב מיט דער רביצין“ א. א.

1905. מיטגעארבעט אין ווארשעווער „דער וועג“ (טאגציימונג), ארויסגעגעבן אינם פארלאג „ביכער פאר אלע“ (ווארשע) אין באזונדערע ביכלעך דערציי־לונגען און מאנאלאגן. אויפגעטראטן מיט פארלעזונגען אין ווילנע, קאוונא, ריגע, ליבוי, לאדז א. א. אין ווארשע צום ערשטן מאל אויפגע־פירט זיין פיעסע „צעזייט און צעשפרייט“ אין פויליש. אין אקטאבער איבערגעלעבט דעם קיעווער פאגראם. מאטעריעל און גייסטיק צעבראכן, באשלאסן צו פארן קיין אמעריקע מיט דער פאמיליע און געקומען קיין לעמבערג. אנגעשריבן צענדליקער דערציילונגען, צווישן אנדערע „יוסף“, „צוויי אנטיסעמיטן“, „שמואליק“, דעם איינאקטער „אגענטן“, „דער פעטער פיני מיט דער מומע רייזל“, א. א.

1906. געוואוינט אין לעמבערג, באזוכט זשענעווע, לאנדאן, סוף אקטאבער אין ניו־יארק. געהאט פארלעזונגען אין פיל גאליצישע שטעט און אין רומע־ניע. אין אמעריקע אויפגענומען גרויסארטיק אין יעקב אדלערס „גרענד

טעאַטער", פאַרעפנטלעכט צווישן אַנדערן: „די גרויסע רעוואָלוציע אויף יענער זייט סמבטיון", „חוה" (טביה דער מילכיקער), „ס'אַ ליגן" א. אַ.

1907. געוואוינט אין ניו־יאָרק, דערנאָך אין זשענעווע. מיטגעאַרבעט אין פאַרשיידענע ניו־יאָרקער צייטונגען און אין וואַרשעווער, פעטערבורגער, ווילנער. אויפגעפירט אין ניו־יאָרק צוויי פיעסעס דער „אויסוואורף אָדער שמואל פאַסטערנאַק" (באַאַרבעט פון זיין קאָמעדיע „יקנה"ז") און „סטעמ־פעניו". פאַרעפנטלעכט זיין ראָמאַן „דער מבול", די ערשטע סעריע פון „מאָטל פייסי דעם חזנס" און פיל אַנדערע זאַכן.

1908. געוואוינט אין זשענעווע, דערנאָך נערווי, באַזוכט בערלין. אָנגעשריבן די קאָמעדיע „דער אוצר" (גאָלדגרעבער"), „פיר זענען מיר געזעסן", ווייטערדיקע קאַפּיטלען פון „מאָטל פייסי דעם חזנס" א. אַ. פאָרגענומען סוף מאַי אַ טור איבער רוסישע שטעט, באַזוכט וואַרשע, ווילנע, אדעס; סוף יולי פלוצים קראַנק געוואָרן אין באַראַנאָוויטש אויף טובערקולאָז, וואו אָפּגעלעגן אַ צוויי חדשים, אַרויסגעפאָרן קיין נערווי, איטאַליע; דעם 25טן אָקטאָבער איז געפייערט געוואָרן זיין 25 ליטעראַרישער יובילײ.

1909. פאַרבראַכט אין קורערטער, אָפּט מיט אַ הויכער טעמפּעראַטור. פיל גע־שריבן. מיטגעאַרבעט אין פיל צייטונגען. צווישן אַנדערן פאַרעפנטלעכט „שמואל שמעלקים און זיין יובילײ", „די גאָלדשפּינערס", „טביה פאָרט קיין ארץ ישראל", „אַ בלעטל שיר השירים", „אייזנבאַן געשיכטעס", אָנ־געהויבן צו שרייבן דעם ראָמאַן „בלאָנדזשענדע שטערן". אַ יובילײ־קאָמיטעט אין וואַרשע האָט אָפּגעקויפט זיינע ווערק ביי די פריוואַטע פאַר־לעגער. אַרויסגעגעבן אַ נייע אויפלאַגע פון זיינע ווערק, ווי אויך פיל ביכלעך, וואָס זיינען פאַרשפּרייט אין צענדליקער טויזנטער עקזעמפּלאַרן.

1910. געוואוינט אין נערווי און אין אַנדערע קורפלעצער. מיטגעאַרבעט אין פאַרשיידענע צייטונגען, פיל געשריבן און געדרוקט. פאָרגעזעצט זיין ראָמאַן „בלאנדזשנדע שטערן", „זעקס און זעכציק", „אסתר", „א פסח אין דאָרף", „קאסרילעווקע אין יעהופּעץ" א. א. —

1911. וואוינט אין נערווי א. א. ערטער. אַרבעט מיט אין פיל צייטונגען, וואו ער פאַרעפנטלעכט פאַרשיידענע דערציילונגען, ווי אויך סעריעס. צווישן אַנדערן: „פון נאַלעווקעס ביז מאריענבאד", „גיטל פורישקעוויטש", „מען הוליעט", „אויטא־דא־פע" א. א. —

1912. געוואוינט אין פאַרשיידענע שטעט אין אויסלאַנד. געשריבן דעם ראָמאַן „דער בלוטיקער שפּאַס", „פסח מיט אַ קל וחומר", „דאָקטוירים" א. אַ.

1913. באַקומען אַ שאַרפע בלאַזנקראַנקייט, זיך געהיילט ביי פאַרשיידענע דאָק־טוירים. באַזוכט ווין, בערלין א. אַ. שטעט. אָנגעשריבן אַ נייע סעריע „בריוולעך פון מנחם מענדל צו שיינע שיינדל זיין ווייב", „קנאַרטן", „איבער אַ היטל" א. אַ.

1914. נאָך פסח געקומען קיין רוסלאַנד, נאָך אַן אָפּשייד פון איבער 5 יאָר. גע־מאַכט אַ פארלעזונג־טור איבער פיל שטעט. געקומען קיין אלבעק, דייטש־

לאַנד, ביים צפון־ים, וואו די מלחמה האָט אים געטראָפן, אַרויסגעשיקט געוואָרן מיט דער פאַמיליע קיין בערלין. אָן מיטלען, צעבראָכן און געפייניקט פון אַ נערוועזער דאָרשט־קראַנקייט, פאַרבראַכט אין קאָפּענהאַגען עטלעכע חדשים און דערנאָך געקומען קיין אַמעריקע. דעם 1טן דעצעמבער געהאַט אַ קבלת־פּנים אין קופּער־יוניאָן און מיט אַ וואָך שפּעטער — אין קאַרנעגי־האָל. פאַרעפנטלעכט פיל זאַכן אין צייטשריפטן. צווישן אַנדערן: „דער פּאָגראָם אין קאַסרילעווקע“, „לך לך“, „וחלקלקות“ (פון „טביה“), דראַמאַטיזירט זיין ראָמאַן „דער בלוטיקער שפּאַס“ און אַ טראַגי־קאָמעדיע „שווער צו זיין אַ איד“ א. אַ.

1915. געוואוינט אין ניו־יאָרק, געאַרבעט אין דער נייער צייטונג „דער טאָג“, אַרויסגעטראָטן מיט פאָרלעזונגען אין פאַרשיידענע שטעט. צוליבן שלעכטן געזונט־צושטאַנד אָפט פאַרבראַכט אין די בערג, ביים ים. אָנגעשריבן די קאָמעדיע „דאָס גרויסע געווינס“, „פונם יאַריד“ און פיל אַנדערע זאַכן.

1916. נישט געקוקט אויף דער שווערער קראַנקהייט, געצוואונגען אויפצוטרעטן אין פאַרשיידענע שטעט, און געשריבן ביי אומצענטשלעכע וויטאָגן. באַלד נאָך פּסח פאַרשאַרפט זיך זיין קרענק, און שבת אינדערפרי, דעם 13טן מאַי, י׳ איר, אויסגעגאַנגען. מאָנטיק, דעם 15טן פאָרגעקומען די לוויה, וואו באַטייליקט הונדערטער טויזנטער אידן.

איר קענט איצט קריגן

אַלע ווערק

פון דעם

אומשטערבלעכן אידישן פאָלק־שרייבער

שלום עליכם

אינגאַנצן פאַר $7.00

28 בענד

■

אין דער

„מאָרגן־פרייהייט"

50 איסט 13טע גאַס

ניו־יאָרק, נ. י.